השלמה
משנת תשפ"ג

מכון מעדני מלך
וויען

# שיחות קודש

## של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

יוצא לאור על ידי מכון מעדני מלך וויען

**פרשת ויקרא תשפ"ג לפ"ק**

### בסעודת שבע ברכות של נכדת כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

**בת הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א עב"ג החתן הרב ישראל משה אייכענשטיין שליט"א**

**בשילוב עם סעודת הכנסת ספר תורה לבית המדרש גאלאנטא**

יום א' פרשת ויקרא תשפ"ג לפ"ק

**מען** זיצט ביי א דאפלטע סעודת מצוה, א סעודה פון א הכנסת ספר תורה, און א סעודת שבע ברכות. בדרך כלל ווייסט מען, אין מערבין שמחה בשמחה (מועד קטן ח:), פאר יעדע שמחה מאכט מען א עקסטערע ענין פאר זיך. דא איז אויסגעקומען אז עס איז צוזאמגעשטעלט צוויי שמחות אינאיינעם. מען געפונט אז טאמער די צוויי שמחות האבן א שייכות איינס מיט דאס אנדערע, גייט נישט אן קיין אין מערבין שמחה בשמחה.

**דוד** המלך זאגט (תהלים קלט-ה), אחור וקדם צרתני, ותשת עלי כפכה, דער אייבערשטער האט באשאפן דעם מענטש אחור וקדם. אחור איז צוריקצווועגס, קדם איז פארנט, אזוי האט אים דער אייבערשטער באשאפן. ותשת עלי כפכה, דער אייבערשטער האט ארויפגעלייגט אויף מיר זיין האנט. דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט בעשרה מאמרות (אבות ה-א), מען האט נישט צוגעלייגט קיין האנט צו די בריאה, אלעס איז געשען געווארן מיט א דיבור פונעם אייבערשטען. מיט צען דיבורים איז געווארן א גאנצע וועלט. איין זאך האט דער אייבערשטער געמאכט מיט די הענט אליין, אדם הראשון. רש"י (בראשית א-כז, ב-ד) זאגט, אז דער אייבערשטער האט מגבל געווען עפר מיט וואסער צוזאמען, און פון דעם האט ער אויסגעשטעלט א צורה פון אדם הראשון. אחור וקדם צרתני, ותשת עלי כפכה, אויף מיר האט דער אייבערשטער געלייגט די האנט, ווייל יודען זענען די חשוב'סטע פון די בריאה. אלעס וואס דער אייבערשטער האט באשאפן אין די וועלט, איז נאר בזכות פון יודען שנקראו ראשית.

**עס** קען זיין אז עס איז דא א ענין וואס איז נוגע לענינינו, פארוואס מען רופט עס אן אחור וקדם צרתני. די מצוה פון כתיבת ספר תורה, איז די לעצטע מצוה אין די תורה. די ערשטע מצוה פון די תורה איז די מצוה פון פריה ורביה. די צוויי סעודות וואס זענען זיך יעצט צוזאמגעקומען, איז צוזאמגענומען די לעצטע מצוה אין די תורה מיט די ערשטע מצוה. ביי יעדע זאך ווייסט מען אז עס איז

על הטוב יזכר
ידידינו מוה"ר **יצחק פישער** הי"ו
**אשר כלכל הוצאת הגליון לזכות הרבים**
לרגל נישואי בתו הכלה תחי' למזל טוב

על הטוב יזכר
ידידינו מוה"ר **יואל גאלדבערגער** הי"ו
**אשר כלכל הוצאת הגליון לזכות הרבים**
לרגל אירוסי בתו הכלה תחי' למזל טוב

נעוץ סופה בתחילתה ותחילתה בסופה. די תורה האט נישט קיין עק, די תורה ענדיגט מען נישט, מען הייבט תיכף אן בראשית נאכאמאל, ווייל די אחרית פון די תורה מיטן ראשית פון די תורה, איז צוגעבינדן צוזאמען.

**דער** אחרית פון די תורה איז, שרייבן א ספר תורה, כדי אז יעדער יוד זאל קענען האבן ביי זיך א געשריבענעם ספר תורה, און וקרא בו כל ימי חייו, וואו ער גייט, און וואו ער שטייט, זאל ער קענען לערנען, און מקיים זיין די מצוות פונעם אייבערשטען. א מלך דארף האבן צוויי ספרים פאר זיך, איינס איז געווען קשור על ידו, אויף די האנט האט ער געהאט צוגעבינדען א ספר תורה, ער האט זיך נישט געקענט רירן אן א ספר תורה. דאס איז פאר א מלך. ביי יעדן יוד איז גענוג אז ער שרייבט איין ספר תורה, אז ווען ער האט צייט, זאל ער קענען אפירנעמען דעם ספר תורה, און ער זאל קענען מקיים זיין די מצוות פון די תורה.

**מען** ווייסט אבער, אז די שלימות פון קיום מצות התורה איז נאר, אז מען איז מקיים אלע תרי"ג מצות התורה. א מענטש וואס איז נישט מקיים אלע מצוות, ער איז מקיים נאר א חלק דערפון, האט ער נישט קיין שלימות אין זיין נפש. און אין הייליגע ספרים שטייט, אז מען מוז נאכאמאל אראפקומען אויף די וועלט, כדי משלים צו זיין וואס מען האט פארפעלט. 'תורת ה' תמימה', די תורה פונעם אייבערשטען דארף זיין תמימה, אז נישט, איז אסאך מאל 'משיבת נפש' (תהלים יט-ח), דער נפש דארף צוריק קומען.

**ווי** אזוי האט מען געקענט געבן א תורה פון תרי"ג מצות, וואס נישט יעדער איינער קען מקיים זיין אלע מצות פון די תורה. עס איז דא מצוות וואס איז געגעבן געווארן פאר אנשים, עס איז דא מצוות וואס איז געגעבן נאר פאר נשים, עס איז גאר נישט שייך אז איינער זאל קענען מקיים זיין די תרי"ג מצות. ווי אזוי קומט דער שלימות פונעם מענטש, ער זאל קענען מקיים זיין כל התורה כולה.

**אויף** דעם איז דער תירוץ, דער אייבערשטער האט באשאפן דעם מענטש, און דער באשעפער האט אים געגעבן א עזר כנגדו. ער האט אזוי באשאפן די וועלט, אז יעדער איינער שטעלט אויף א שטוב מיט זיין בני בית צוזאמען, און צוזאמען ווערט אויפגעשטעלט א בית נאמן בישראל. און די גמרא (יבמות סב:) זאגט, שרוי בלא אשה, שרוי בלא תורה, שרוי בלא ברכה. מען האט נישט קיין שום גוטע זאך אינעם לעבן, אויב ער איז שרוי בלא אשה. ווען מען האט חתונה, דעמאלטס באקומט ער אלעס.

**בדרך** כלל ווייסן מיר, אז זוגות איז פארקערט פון א סימן ברכה (פסחים קט:), און כדי עס זאל זיין א ברכה, טאר נישט זיין קיין זוגות. און דא איז פונקט פארקערט, ווילאנג מען איז אליין, זאגט מען אז ער האט נישט קיין ברכות, און בשעת עס ווערט זוגות, דעמאלטס קומט די ברכה, דעמאלטס קומט תורה, דעמאלטס קומט שלום, און חומה, אלעס וואס די גמרא רעכנט אויס דערויף?

**נאר** דער אמת איז, אז א יודישע שטוב איז נישט קיין זוגות. א מאן און ווייב איז נישט קיין צוויי מענטשן וואס וואוינען אין איין שטוב. דאס איז א פלג גופא. דער אייבערשטער האט באשאפן אדם הראשון דו פרצופין (ברכות סא.), און ער האט אפגעטיילט, ער האט גענומען א צלע פון אדם הראשון, און פון דעם איז געמאכט געווארן חוה. ווען עס קומט צוזאם א יודישע שידוך, איז נשלם געווארן איין גאנצער גוף וואס איז געווארן צוזאמען.

**ווען** עס איז איש ואשה זכו, איז דאס נישט אז צוויי מענטשן זענען זוכה, און זיי וואוינען צוזאמען. נאר ווען יעדער שפירט ביי זיך, איך בין א פלג גופא, און צוזאמען מיט מיין בני בית זענען מיר א גאנצער גוף, דעמאלטס איז שורה דארט די ברכה. קומט אויס, אז ווען מען האט חתונה איז עס נישט קיין זוגות, עס איז געווארן איינס. אויב עס איז טאקע נישט איינס, און מען שפירט נישט ביי זיך אז עס איז אזוי נאנט דער אהבה ואחוה ושלום וריעות אז עס איז איינס, איז עס זוגות, און עס איז טאקע נישט דא קיין סימן ברכה אין די שטוב. סימן ברכה פון א שטוב איז נאר אויף אזא אופן, ווי יעדער איינער פילט זיך פאר א פלג גופא.

**קומט** אויס, אז עס איז נישט א קשיא, אז עס איז דא מצוות וואס איז געגעבן פאר אנשים, און מצוות וואס געהער נאר פאר נשים, ווי אזוי קען איינער מקיים זיין דעם אנדערן'ס מצוות? עס איז א פלג גופא, צוזאמען זענען מיר איין גוף. ווען א מענטש איז

מקיים די מצוה מיט די האנט, איז נישט נאר די האנט מקיים די מצוה, דער גאנצער גוף האט עס מקיים געווען. און אז עס איז אויס פלג גופא, קומט אויס אז זיינע מצות ווערן פאררעכנט פאר איר, און אירע מצות ווערן פאררעכנט פאר אים, און צוזאמען קען מען מקיים זיין כל התורה כולה.

**דער** אייבערשטער האט אונז געגעבן די מצוה פון כתיבת ספר תורה, אז מען זאל שרייבן א ספר תורה, כדי א מענטש זאל קענען מקיים זיין אלע מצוות פון די תורה. ווערסטו פרעגן עס איז דאך נישט מעגליך אז ער זאל קענען מקיים זיין אלע מצוות פון די תורה. זאגט די תורה די ערשטע מצוה, על כן יעזב איש את אביו ואת אמו ודבק באשתו והיה לבשר אחד (בראשית ב-כד), דעמאלטס וועט ווערן גערעכנט ווי א יוד וועט מקיים זיין כל התורה כולה.

*

**איך** מיין אבער לענינינו, ליגט דערין נאך א ענין. מען רעדט פון א חשוב'ער חתן וואס עס איז פקיע שמיה, יעדער ווייסט, איך דארף נישט זאגן דא אין בית המדרש וואו ער איז דא געוואקסן, דא איז ער ערצויגן געווארן, זיי ווייסן אסאך מער פון וויפיל מען הערט אינדרויסן אין דער פרעמד. אבער פון וויפיל מען הערט אין די פרעמד, קען מען זיך פארשטעלן אז די וואס קענען אים פון דער נאנט, קענען אים נאך בעסער. ב"ה וואס ער האט אויסגענוצט אלע זיינע יארן צו שטייגן אין תורה און עבודת ה' דינען דעם אייבערשטען.

**אבער** אז מען וויל שרייבן די ספר תורה, מען וויל אז די תורה זאל האבן א קיום, עס זאל בלייבן אויף שפעטער אויך, דאס קען מען נישט זוכה זיין נאר פון זיין עזר כנגדו, דארט ווענדט זיך עס. אין דעם שידוך וואס א יוד טוט, דארט ווענדט זיך זיין גאנצער עתיד וואס עס וועט זיין שפעטער. אז מען קומט אריין אין א גוטע שטוב, אז מען האט א עזר כנגדו, וואס שטייט צו הילף אז ער זאל קענען זיצן און לערנען און דינען דעם אייבערשטען, זי נעמט אויף זיך צו זיין די עקרת הבית, די אחריות פונעם שטוב. ווי די גמרא (כתובות סג.) זאגט ביי רבי עקיבא, וואס זי האט געוואונען דעם מאן און אים אוועקגעשיקט לערנען, אויף צוועלף יאר, און אויף פיר און צוואנציג יאר, און שפעטער האט רבי עקיבא געזאגט, אז אלעס וואס איך פארמאג, שלה היא, דאס איז אלעס איר'ס. אז

מען וויל אז מען זאל בלייבן מיט די תורה וואס מען האט געלערנט, ווענדט זיך עס, אין וואס פאר א עזר מען באקומט נאכדעם.

**דער** 'קדם' ביי יעדן יוד איז זייער שיין, מען ערציהט דאך יודישע קינדער וואס גייען אין חדר, און גייען אין תלמוד תורה, און שפעטער אין די ישיבה, און א יאר צוויי אין כולל. אבער נישט אייביג האט עס א 'אחור', אז דאס האט א המשך אויף שפעטער אויך. טאמער עס פעלט דער שפעטער'דיגער עזר כנגדו, וואס שטייט נישט צו הילף, דעמאלטס שטעלט זיך אפ די תורה, און עס האט נישט קיין המשך אויף ווייטער.

**צוזאמשטעלן** אז עס זאל קענען זיין א ספר תורה, עס זאל קענען זיין אלע מצוות התורה. מען האט זיך געפלאגט, און מען האט טאקע מקיים געווען, די תורה איז געווארן חקוק אינעם גוף פונעם מענטש, דער מענטש אליין איז געווארן א ספר תורה. דאס וועט אבער נישט האבן קיין קיום, נאר מיט די ערשטע מצוה צוזאמען, ווען דו וועסט טרעפן א עזר כנגדו, וואס וועט דיר צוהעלפן דערצו.

**ב"ה** ביי דעם שידוך וואס מען זיצט ביי די סעודת שבע ברכות פון א חשוב'ען חתן, דער אייבערשטער האט אים צוגעשיקט אן עזר כנגדו, א כלה א מושלמת, כלה נאה וחסודה, נישט נאר געזאגט, נאר לאמיתו, ערליך, איידל. ערצויגן געווארן אין א שטוב פון מיין חשובן זון, וואס די גאנצע שטוב איז איבערגעגעבן געווארן נאר פאר תורה, און פאר הרבצת התורה, איז אוודאי דא צו האפן, אז דער אייבערשטער וועט געבן, אז ער וועט קענען ווייטער אויך ממשיך זיין די תורה וואס מען האט געלערנט, עס זאל האבן אן המשכה אויף שפעטער אויך, צו שטייגן העכער און נאך העכער.

**מען** זיצט אין בית המדרש ביים גאלאנטער רבי זאל זיין געזונט, מיר זענען שוין ידידים אסאך יארן, פון אזויפיל עסקנות וואס ער איז אריינגעטון פארן ציבור. יעדער ווייסט זיין גדלות בתורה, בנגלה ובנסתר, צדקות און עבודת ה'. דער מחותן אונזערער, איז נאך יונג, מיר האבן נישט געהאט אזא גרויסן קשר מען זאל זיך אזוי גוט קענען פון פריער, אבער זיין נאמען איז געגאנגען אויף דער גאס, מען האט געוואוסט זיין גדלות בתורה. מען קען זאגן,

מכירו הייתי לשעבר ועכשיו ביותר. קענען א מענטש, קען מען זיך נאר ווען מען איז זיך משדך צוזאמען, און מען זעהט ווי אזוי מען פירט זיך אויף איינער מיטן צווייטן. - עס האט מיר היינט געזאגט א יוד, איך האב מיך משדך געווען מיט א יוד פון בית המדרש. צוויי יודען אין איין בית המדרש האבן זיך משדך געווען איינער מיטן צווייטן. זאגט ער מיר, איך האב געמיינט אז איך קען מיין מחותן. איך דאווען מיט אים יעדן שבת צוזאמען, האב איך געמיינט אז איך קען אים. איך האב געטון דעם שידוך, און איך האב אנגעהויבן צו האנדלען מיט אים, בין איך געוואויר געווארן אז איך קען גארנישט וואס פארא חשוב'ער מחותן איך האב. - עס איז דא אסאך מאל וואס מען קען א מענטש פון דער פרעמד, מען ווייסט אז עס איז גוט, אבער ווען מען קומט זיך צוזאמען, און מען האט צוטון איינער מיטן צווייטן, דעמאלטס שיילט זיך ארויס די איידלקייט און ערליכקייט.

**ב"ה** ביי דעם שידוך, איך הער פון מיין זון זאל זיין געזונט, דאס נאנטקייט און דאס איידלקייט וואס קומט ארויס, איך האב געוואוסט פאר דעם אויך די חשיבות פון די שטוב, אבער עכשיו ביותר. איז דא אוודאי צו האפן, אז א קינד וואס איז נתחנך געווארן אין אזא שטוב, וועט אוודאי שטייגן און אויפשטעלן א בית נאמן בישראל. זאל דער אייבערשטער געבן, אונז זאל מיר אלע זעהן שמחות און נחת ביי אונזערע קינדער, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות, און מיר זאלן זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

## בסעודת ברית מילה של בן הר"ר הערש אלימלך בראדי הי"ו

יום ב' פרשת ויקרא תשפ"ג לפ"ק

**רש"י** (שמות יב-ו) ברענגט צו, אז בעפאר מען איז ארויס פון מצרים, האט דער אייבערשטער געגעבן פאר יודען צוויי מצוות, דם פסח און דם מילה. ואעבור עליך ואראך מתבוססת בדמיך וגו', ואת ערום ועריה (יחזקאל טז-ו), טייטשט רש"י, זיי האבן נישט געהאט קיין זכותים מיט וואס ארויסצוגיין, ואומר לך בדמיך חיי, מען האט געגעבן צוויי מצוות פארבינדן מיט דם, דם פסח און דם מילה, אין דעם זכות וועלן זיי ארויסגיין פון מצרים. די מפרשים שטעלן זיך שוין, פארוואס האט מען אויסגעקליבן די צוויי מצוות.

**רש"י** (שמות י-י) ברענגט צו, אז פרעה האט זיך געדינגען מיט משה רבינו, אז עס איז נישט כדאי אז מען זאל ארויסגיין אין מדבר, ראו כי רעה נגד פניכם. פרעה האט געזעהן די שטערנס וואס אונז זעה מיר נישט, און ער האט געזעהן אז עס איז דא א כוכב וואס הייסט 'רעה', און דאס איז א כוכב וואס פארגיסט בלוט, און דאס גייט נאך, נאך יודען. און ווען מען וועט ארויסגיין פון מצרים, וועלן זיי פארלענדט ווערן דארט פון דעם כוכב וואס ווערט אנגערופן 'רעה'. ראו, קוקטס, כי 'רעה' כנגד פניכם. רש"י ברענגט צו, אז ער האט טאקע גוט געזעהן, נאר דער אייבערשטער האט מהפך געווען דעם דם, אז זיי האבן זיך גע'מל'ט אין מדבר, און דער דם איז נתהפך געווארן אויף יענעם דם.

**די** גמרא (שבת קנו.) זאגט, אז יעדער מענטש ווערט געבוירן אין א געוויסן מזל. יעדע שעה האט דאך אן אנדערן מזל. ווען א מענטש ווערט געבוירן, איז ער צוגעבינדן צו דער מזל פון די שעה וואס ער איז געבוירען געווארן. דאס איז טייטש, אז זיין עתיד, זיין לעבן, איז פארבינדן מיט דעם כח פון דעם מזל. עס איז דא שבעה מזלות, שבעה כוכבי לכת, און די גמרא רעכנט אויס אויף יעדער מזל, וואס עס איז די סגולה פון דעם מזל, אויפן מענטש. ווען מען ווערט געבוירן אין מזל מאדים, זאגט די גמרא, אז ער וועט זיין אשיד דמא, ער וועט פארגיסן בלוט, ווייל מאדים איז א סימן פון שפיכת דמים.

**זאגט** די גמרא, ער האט אבער אן עצה זיך אויסצוקלויבן, ער קען זיין איינס פון די פיר זאכן. אדער וועט ער זיין אומנא, ער וועט מקיז דם זיין, ער וועט נעמען בלא"ד-טעס"ט פון מענטשן. אדער וועט ער זיין גנבא, ער וועט בארויבן מענטשן, און ער וועט פארגיסן בלוט. דאס איז די ערגסטע וואס

קען זיין. אדער וועט ער זיין טבחא, א שוחט. אדער וועט ער זיין א מוהל. די פיר זאכן וואס איז פארבינדן מיט פארגיסן בלוט, האט צו טון מיט די מזל פון מאדים.

**זאגט** די גמרא, אז רבה האט געזאגט, איך בין געבוירען געווארן אין מזל מאדים. האט אים אביי געזאגט, דו ביסט דאך ממונה אויפן ציבור, און דו ביסט מעניש מענטשן ווען מען פאלגט נישט, דאס איז אויך א ענין פון פארגיסן בלוט, וואס דו ביסט מעניש אנדערע. - דאס איז טייטש, אז ווען רבה האט געזאגט אז ער איז אויך געבוירען געווארן אין מזל מאדים, האט ער געמיינט צו זאגן, אז ער איז נישט קיין מוהל, און ער איז נישט קיין שוחט, און ער איז נישט קיין אומנא, און ער איז נישט קיין גנבא. און ווען מען איז געבוירן אין מזל מאדים, דארף מען דאך זיין איינע פון די פיר זאכן. האט אים אביי געזאגט, עס איז דא א פינפטע זאך אויך, איינער וואס איז ממונה אויף מענטשן, און ער קען זיי מעניש זיין, דאס איז אויך א בחינה פון מזל מאדים.

**קומט** דאך אויס, אז מזל מאדים איז א מזל פון פארגיסן בלוט. עס איז מסתבר אז דער כוכב רעה, דאס איז אויך א מזל וואס פארגיסט בלוט. פון וואו נעמט דער כוכב זיין כח? ער נעמט עס פונעם מזל מאדים. די שבעה כוכבי לכת, זענען דאך ממונה אויף אלע אנדערע כוכבים וואס איז דא. אז עס איז דא א כוכב וואס ווערט אנגערופן 'רעה' וואס פארגיסט בלוט, איז זיין כח פון מזל מאדים.

**און** אז די גמרא זאגט אויף מזל מאדים אז עס איז דא דערויף צוויי עצות, אדער טבחא אדער מוהלא, האט דער אייבערשטער אונז געגעבן צוויי מצוות אין מצרים, וואס עס זאל זיין סיי טבחא און סיי מוהלא, מען האט גענומען דעם קרבן פסח, און מען האט עס גע'שחט'ן, ושחטו אותו כל קהל עדת ישראל (שמות יב-ו), האט מען געהאט שחיטה. און ווען מען איז ארויסגעגאנגען פון מצרים האט מען זיך גע'מל'ט. די צוויי כוחות האבן מהפך געווען אפילו די מזל רעה, וואס פארגיסט בלוט, וואס גייט נאך יודען אינעם מדבר, האט דער אייבערשטער עס מהפך געווען, ער האט זיי געגעבן צוויי מצוות פון טבחא ומוהלא, וואס דאס זאל מבטל זיין דעם כח פון מאדים.

**ווען** מען איז מכניס א קינד בבריתו של אברהם אבינו, אפילו מען האט נישט אליין גע'מל'ט, איז דאך שלוחו של אדם כמותו, ווערט עס דאך גערעכנט כאילו דער טאטע אליין האט עס געטון. איז דאך טייטש אז אפילו עס איז דא א מזל פון מאדים, אפילו עס איז דא אסאך מאל דינים אויף א מענטש וכדומה, פון דעסטוועגן גייט עס אוועק. ווייל ווען מען מל'ט א קינד, איז אדורכגעגאנגען דעם אשיד דמא וואס עס פעלט אויס, דורכדעם וואס מען האט גע'מל'ט.

## בסעודת שבע ברכות של נכדת כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

**בת הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א, עב"ג הרב ישראל משה אייכענשטיין שליט"א**

יום ב' פרשת ויקרא תשפ"ג לפ"ק - בבית מדרשנו הגדול

**ברשות** די חשוב'ע זיידעס, דער וויזניצער רבי, מיטן גאלאנטער רבי. ברשות מיין מחותן דער מונקאטשער רבי, וכל הנאספים. קודם וויל איך באדאנקען און מכיר טוב זיין, פאר אלע וואס האבן זיך משתתף געווען ביי אונזערע שמחה, ביי די חתונה, און די שבע ברכות, דער אייבערשטער זאל באצאלן כפל און כפלי כפלים, שמחות און נחת ביי ענקערע קינדער.

**עס** קומט דאך אויס אסאך צו רעדן אין בית המדרש דא, במשך פונעם יאר, פון אלע סארט נושאים. בדרך כלל ביי א שבע ברכות רעד איך פון די נושא פון שידוכים און חתונה, וואס יעדער קען עפעס אהיים טראגן דערפון, צו קענען נוצן אויף הלכה למעשה.

**מען** ווייסט אז ביי א חתונה איז דא אסאך ערליי מנהגים, וואס עס שטייט נישט אין די גמרא, אבער די גאנצע וועלט פירט זיך אזוי. דער **רמ"א** ברענגט צו אויף כמה מנהגים וואס דער מקור איז פון נסתר התורה. און עס דא מנהגים וואס דער רמ"א ברענגט נישט צו, אבער די וועלט פירט זיך אזוי. איך וועל

רעדן פון פינף מנהגים, וואס איז צוגעברענגט רובם אין רמ"א.

**איינס**, ווען מען מאכט חתונה, איז די הלכה אז מען מאכט חתונה נאר בתחילת החודש, ווען די לבנה איז במלואה. סוף פונעם חודש ווען די לבנה גייט אונטער, מאכט מען נישט חתונה. עס איז א סימן ברכה צו מאכן חתונה ווען די לבנה איז במלואה. אין הלכה צוגעברענגט אין **רמ"א** (אה"ע סימן סד-ג).

**צווייטנס**, ווען מען מאכט א חופה, זאל מען נישט מאכן די חופה אינעווייניג אין שטוב, נאר מען זאל מאכן די חופה אינדרויסן אויף דער גאס, תחת כיפת השמים. און דער **רמ"א** (אה"ע סימן סא-א) זאגט, אז דער טעם דערפון איז, עס איז דא כוכבים, א זכר אז די דורות פון דעם פאר פאלק זאל זיך מערן אזוי ווי די כוכבים. דאס איז אין די חופה.

**ווען** עס קומט צו די קידושין, איז די הלכה אז מען קען מקדש זיין בפרוטה ובשוה פרוטה, ובכסף און שוה כסף. פון דעסטוועגן דאך זאגט דער **רמ"א** (אה"ע סימן כז-א), אז מען זאל מקדש זיין מיט א רינגל. און אזוי איז דער נוסח, הרי את מקודשת בטבעת זו. דער רמ"א אליין שרייבט, אז דער מקור אז מען זאל געבן א רינגל, איז אין **תיקוני זוהר** (ריש תיקון ה). און די וועלט פירט זיך אז א רינגל איז א רינדעכיגע רינגל (**של"ה** שער האותיות אות קדושת הזיווג). אפילו אין זידיטשוב ווי מען נעמט א פיר-עקעדיגע רינגל, איז עס נאר פון אינדרויסן, אבער אינעווייניג איז דער רינגל רינדעכיג (**זוהר חי** בריש הספר ד.). און אלעס האט דאך א סיבה און א טעם פארוואס מען טוט אזוי.

**און** די וועלט פירט זיך אויך, אז מען גיט א רינגל פון זהב, פון גאלד, און נישט פון קיין כסף (**שלחן העזר** סימן ח-א ס"ק כב). און רוב פון די זאכן איז יסודותם בהררי קודש על פי נסתר, וואס יעדער פארשטייט אז איך גיי נישט מסביר זיין יעצט קיין דברים נסתרים, ווייל איך קען נישט. אונזער חשוב'ער מחותן דער גאלאנטער רבי, ער וועט עס קענען מסביר זיין אין טיפערע ענינים, אבער איך וועל נאר רעדן כדבר איש אל רעהו, וואס איז נוגע פאר אונז, פאר יעדן איינעם אין זיין שטוב, וואס דער לימוד מוסר השכל איז פון דעם, ווען מען שטעלט אויף א שטוב וואס עס האט זיך צאמגענומען די ענינים, אז מען זאל עס טון ביי א חתונה.

**עס** איז געווען יעצט פורים, מען געפונט אין די גמרא (מגילה יג.), אז אסתר, הדסה שמה, זי האט געהייסן הדסה, והוא אומן את הדסה (אסתר ב-ז). פארוואס רופט מען איר אסתר? איין טעם איז דא אין די גמרא, על שם אסתהר, אויף די נאמען פון די לבנה, די לבנה ווערט אנגערופן אסתהר. די אומות העולם האבן איר גערופן מיט דעם נאמען, אויף די נאמען פון די לבנה. זאגט רש"י, זי איז געווען יפה כלבנה, אזוי שיין ווי די לבנה, האבן איר די אומות העולם גערופן אסתר. איך בין נישט קלאר צו פארשטיין פונקטליך, וואס איז די שיינקייט פון די לבנה? דאס איז עפעס די שענסטע זאך וואס איז דא אויף די וועלט? ווען מען וויל זאגן אויף א זאך אז עס איז שיין, זאגט מען אז עס איז יפה כלבנה, אזוי שיין ווי די לבנה? עס שאנט טאקע, אלעס פיין און וואויל, אבער אפשר א זון איז נאך שענער? פארוואס האט מען געזאגט, אז עס איז יפה כלבנה. און אין פסוק (שיר השירים ו-י) שטייט אויך אזוי, יפה כלבנה ברה כחמה, זעהט מען אז עס איז דא עפעס א ענין אינעם יפה כלבנה, וואס ליגט אין דעם.

*

**עס** קען אפשר זיין, עס שטייט אין די גמרא (חולין ס:), אז בשעת דער אייבערשטער האט באשאפן די שני מאורות, די זון מיט די לבנה, האט דער אייבערשטער באשאפן שני המאורות הגדולים (בראשית א-טז), צוויי גרויסע מאורות. די לבנה איז געווען אזוי גרויס ווי די זון. און די לבנה האט געזאגט פארן אייבערשטען, אפשר לשני מלכים שישתמשו בכתר אחד? עס איז מעגליך, אז צוויי קעניגען זאלן זיך קענען משתמש זיין מיט איין קרוין? דו שטעלסט ארויף צוויי גרויסע זאכן, איינס איז פונקט אזוי גרויס ווי די אנדערע, אז זיי זאלן מושל זיין ביום ובלילה. האט איר דער אייבערשטער געענטפערט, דו ביסט גערעכט, לכי ומעטי את עצמך, דו זאלסט ווערן קלענער. עס קען טאקע נישט זיין קיין שני מלכים בכתר אחד, איינער מוז זיין גרויס און איינער קליין, דו האסט געזאגט, אז מען קען נישט זיין בכתר אחד, זאלסטו ווערן קליין. און שפעטער איז געווארן א מאור הגדול, מיט א מאור הקטן.

**די** לבנה האט נישט געזאגט פארן אייבערשטען, אי אפשר לשני מלכים שישתמשו בכתר אחד, עס איז נישט מעגליך. זי האט געפרעגט מיט א לשון שאלה,

אפשר, איז מעגליך, אז צוויי מלכים זאלן זיך קענען משתמש זיין בכתר אחד? דער אייבערשטער האט אנגענומען די טענה, ניין, עס איז טאקע נישט מעגליך, און לכי ומעטי עצמך. די לבנה האט פארשטאנען אז דער אייבערשטער האט געמאכט שני המאורות הגדולים, איז דאך טייטש אז דער אייבערשטער האלט, אז עס קען יא זיין שני מלכים בכתר אחד. מען קען דאך נישט זאגן פארן אייבערשטען אז אי אפשר, מען קען נישט. אבער זי האט נישט פארשטאנען, עס איז דאך נישט מעגליך עס זאל קענען זיין שני מלכים בכתר אחד. עס קען נישט זיין צוויי רבנים אויף איין מקום, עס קען נישט זיין צוויי רבי'ס אויף איין מקום, און עס איז נישט שייך אז עס זאל קענען זיין צוויי חד בדרא'ס, עס קען נישט זיין שני מלכים זאלן זיין בכתר אחד.

**און** זי האט געזעהן אז דער אייבערשטער האט דאך באשאפןביידע צוזאמען, האט זי געפרעגט דעם אייבערשטען, אפשר, האסטו עפעס א וועג דערויף, אז עס זאל קענען זיין שני מלכים בכתר אחד. איז דא עפעס א מציאות אז מען זאל קענען אויסשטעלן, אז עס זאל קענען זיין שני מלכים בכתר אחד? האט דער אייבערשטער געזאגט, ניין, עס איז נישט דא אפילו א וועג אז מען זאל עס קענען אזוי שטעלן, לכי ומעטי עצמך, דו דארפסט ווערן קלענער. און זי איז קליין געווארן. לערנט דאך אונז די לבנה, אז אי אפשר לשני מלכים שישתמשו בכתר אחד.

**ווען** מען בויט א שטוב, א זיווג פון חתן און כלה, איז דאס א זון מיט א לבנה. עס איז דא א משפיע, און עס איז דא א מקבל. דער מאן איז דער משפיע, די אשה איז די מקבל. די זון און די לבנה איז אויך די זעלבע, די זון איז דער משפיע, און די לבנה איז די מקבל. מען געפונט ביי יוסף ווען ער האט גע'חלום'ט אויף זיין טאטען און זיין מאמען מיט די ברודער, האט ער געזאגט, אז ער האט געזעהן ווי השמש והירח ואחד עשר כוכבים משתחוים לי. שמש איז יעקב, און די לבנה, די ירח, איז געווען זיין מוטער. און יעקב האט געזאגט הבוא נבוא אני ואמך ואחיך להשתחוות. איז דאך טייטש, שמש מיט ירח זענען טאטע און מאמע.

**דער** חתן און כלה בויען א שטוב, און עס איז אי אפשר לשני מלכים שישתמשו בכתר אחד, עס איז נישט מעגליך, ווען צוויי מענטשן זענען אין א שטוב, אז זיי זאלן זיין צוויי קעניגען. יעדער וועט זיך שטעלן אויף זיין שריט, עס דארף זיין אזוי ווי איך, איך געב ארויס א באפעל, איך בין דער מלך, מען דארף טון אזוי און אזוי, איז נישט מעגליך אז א שטוב זאל זיך קענען אזוי פירן, אז שני מלכים זאלן זיין בכתר אחד. אז מען וויל א שטוב זאל זיך קענען פירן, דארף זיין איינער וואס איז לכי ומעטי עצמך, עס מוז זיין איינער וואס איז נכנע און ער איז מקבל, און איינער פירט די שטוב.

**און** דער אייבערשטער האט געהייסן פאר די לבנה, דו זאלסט זיין דער נכנע. דאס איז טייטש, אז די אשה דארף זיין נכנע אונטערן מאן. דער מאן איז דער מלך, און זי דארף זיין נכנע אונטער אים. און די לבנה אליין האט עס פארשטאנען. דער לבנה, דער מקבל, האט פארשטאנען אז עס איז נישט מעגליך עס זאלן זיין שני מלכים בכתר אחד. ווייל דארט הייבט זיך עס אן, דאס איז דער פונדאמענט פון א שטוב. עס מוז זיין איין בעל הבית אין שטוב, און נאכדעם איז דא איינס נידריגער. און דאס איז דער חתן מיט די כלה. דער חתן איז דער מאן, ער איז דער מלך אינעם שטוב, און זי דארף זיין נכנע אונטער אים. [אין די גמרא (בבא מציעא נט.) איז דא א דיון דערויף, די גמרא זאגט, כל ההולך אחר עצת אשתו, נופל בגיהנם, פרעגט די גמרא, עס שטייט דאך אויף א צווייטע פלאץ, אז איתתך גוצא גחון ותלחוש לה, זאגט די גמרא, עס איז איינגעטיילט, עס איז דא מילי דעלמא און מילי דשמיא. על כל פנים דער עיקר בעל בית פון שטוב איז דער מאן].

*

**דער** אייבערשטער האט דאך אויך געוואוסט אז עס איז אי אפשר לשני מלכים שישתמשו בכתר אחד, פארוואס האט ער געדארפט ווארטן ביז די לבנה וועט אים אויפקלערן, און נאכדעם זאגן לכי ומעטי עצמך. דער אייבערשטער האט געקענט מעיקרא באשאפן א מאור הגדול מיט א מאור הקטן. פארוואס האט דער אייבערשטער באשאפן קודם צוויי מאורות גדולים, און ווען זי האט זיך אפגערעדט, דעמאלטס האט דער אייבערשטער געזאגט לכי ומעטי עצמך.

**נאר**, ווען דער אייבערשטער האט באשאפן די בריאה, האט ער געוואלט אז יעדער זאל זיין צופרידן מיט וואס ער איז באשאפן. אזוי זאגט די גמרא (חולין

ס.), עס איז לדעתן נבראו, מען האט געפרעגט יעדע בריאה צו זי איז מסכים אויף די אויסשטעל ווי אזוי דער אייבערשטער האט איר געגעבן. ווען דער אייבערשטער וואלט באשאפן די זון און די לבנה, די זון איז גרויס און די לבנה איז קליין, זיי דארפן זיין אויפן הימל, ווילאנג די וועלט וועט שטיין, וואלט די לבנה אלץ געטראכט ביי זיך, זי וואלט געהאט א קאמפלעק"ס, איך בין דער קליינער, פארוואס בין איך אויך נישט אזוי גרויס ווי די זון? זי וואלט נישט געווען צופרידן איר גאנץ לעבן, אז זי איז קליין. האט דער אייבערשטער איר באשאפן קודם גרויס, זי זאל אליין איינזעהן אז עס איז אי אפשר לשני מלכים שישתמשו בכתר אחד, און זי זאל בעטן, אז מען זאל מאכן דא א טויש, ווייל עס קען נישט זיין צוויי זאלן זיין אויף די זעלבע מדריגה. דער אייבערשטער האט געוואלט אריין לייגן אין די לבנה די צופרידענהייט, אז נישט איך באשאף איינעם גרויס און איינעם קליין, נאר איך וויל אז דו זאלסט פארשטיין, אז עס מוז אזוי גיין. איך וועל דיך באשאפן קודם גרויס, און דו וועסט זעהן אז עס איז אי אפשר לשני מלכים שישתמשו בכתר אחד, וועסטו ממילא מסכים זיין דערצו, אז איינער דארף זיין גרויס און איינער דארף זיין קליין.

**און** אזוי דארף זיין א יודישע שטוב. דער מאן איז דער בעל הבית אינעם שטוב, און א אשה איז די נכנע. אלע שידוכים וואס קומט אויף, פרעגט מען אויף די כלה די ערשטע פון די שאלות, האט זי הכנעה, צו זי האט נישט קיין הכנעה. טאמער איז נישט דא קיין הכנעה, דעמאלטס ארבעט עס נישט צוזאמען.

*

**עס** איז אבער דא אסאך מאל מענער וואס נוצן עס זייער גוט אויס. אז איך בין דער מלך, בין איך דאך דער בעל הבית, און ער גיט ארויס ארדער"ס, מען דארף אזוי טון און א זי טון, ער רעכנט זיך נישט מיט קיין צווייטן, ער איז דער בעל הבית, און זי איז די שפחה אין שטוב, און זי דארף פאלגן אלעס וואס מען האט געהייסן. דאס איז אויך נישט יודיש! ער איז טאקע א 'מלך', אבער זי איז א 'מלכה'. א מלך מיט א מלכה רעדן אנדערש ווי א מלך מיט א שפחה. דער מלך גיט דעם רעספעקט, וואס עס קומט זיך פאר א מלכה אינעם שטוב. ווען איינער איז א מלך, און דער אנדערער איז א מלכה, דעמאלטס פירט זיך די שטוב אויפן ריכטיגן וועג.

**רבי** חיים מענדל ע"ה פלעגט צו זאגן, אז מען זאגט, עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים קול ששון וקול שמחה קול חתן וקול כלה. קול ששון ווייסט יעדער וואס עס איז טייטש, און קול שמחה ווייסט אויך יעדער וואס עס איז טייטשט. וואס מיינט קול חתן וקול כלה? דער חתן און די כלה האבן עפעס אן אנדערן קול ווי א צווייטער.

**האט** ער געזאגט, נאך די חתונה, דער חתן קומט אהיים מיט די כלה אין שטוב, און דער חתן רעדט אזוי שיין און איידל צו די כלה, אפשר דארפסטו א קאווע, איך וועל דיר ברענגען. און זי זאגט, ניין, איך וועל דיר ברענגען. און מען דינגט זיך, איך וועל דיר ברענגען. און ווען מען ברענגט שוין אריין, זאגט מען פינף מאל א יישר כח אז מען האט אריינגעברענגט. עס ווענדט זיך נאר ווילאנג עס האלט אן דער קול חתן און דער קול כלה. אסאך מאל נעמט עס גאר א קורצע צייט, און די שפראך טוישט זיך אין דעם שטוב. זאגט מען, עוד ישמע, קול חתן וקול כלה, דעם קול חתן וקול כלה זאל נישט זיין נאר יעצט ווען מען איז א חתן כלה, נאר די שטענדיגע וועג אין שטוב זאל זיין אויף אזא וועג, ווי א מלך מיט א מלכה רעדן צוזאמען.

**עס** איז דא א ווארט אין די מפרשים, ביי א מלך שטייט (דברים יז-יח), והיה כשבתו על כסא ממלכתו, וכתב לו את משנה התורה הזאת. וואס איז טייטש והיה כ'שבתו, עס וואלט געדארפט שטיין והיה ב'שבתו, ווען ער זיצט. כשבתו איז טייטש ווען ער האט זיך אראפגעזעצט. נאר, געווענליך א מלך, בעפאר ער ווערט א קעניג. א פרעזידענט, ווען ער גייט ארויס מען זאל וועלן פאר אים, איז ער דער בעסטער מענטש אויף די וועלט. ער לאזט זיך אראפ צו יעדן איינעם, ער גייט פון איין פלאץ צום צווייטן, ער שטעלט זיך פאר וואס פאר א גוטס ער וועט טון, ער וועט קיינמאל נישט זיין קיין דיקטעטער, די שענסטע און די בעסטע. יא, אין אנהייב, די ערשטע פאר וואכן, פירט ער זיך אזוי, און נאכדעם ווען עס גייט אדורך א שטיקל צייט, ווייזט ער ארויס וואס ער איז באמת! זאגט די תורה, והיה כ'שבתו על כסא ממלכתו, דער מלך זאל שטענדיג בלייבן אזוי ווי ווען ער האט זיך אראפגעזעצט אויף זיין כסא ממלכתו, וואס ער איז געווען פיין און איידל, ער זאל בלייבן אזוי שפעטער אויך.

**דער** חתן איז א מלך, און זי איז א מלכה. אבער מען וואונטשט, אז עס זאל זיין עוד ישמע, נישט נאר

יעצט ווען מען איז חתן כלה, נאר עס זאל שטענדיג זיין די קול חתן וקול כלה. די שטוב פון א יוד דארף זיין אויפגעבויט מיט רעספעקט, מיט כבוד, וואס איינער גיט פארן צווייטן. יא, ער איז טאקע דער בעל הבית אין דעם שטוב, אבער ער רעכנט זיך אין די שטוב מיט די בני בית, ער רעכנט זיך אזוי ווי מען רעכנט זיך מיט א מלכה. דאס איז וואס דער אייבערשטער האט אויסגעשטעלט, אז די זון מיט די לבנה זאלן זיין אויפן ממשלת היום והלילה, און איינס דארף זיין גרויס, און איינס דארף זיין קליין.

**און** דאס איז וואס מען זאגט אויף אסתר, צו מען זאגט סתם אויף א כלה, יפה כלבנה. עס איז נישט דער פשט, יפה כלבנה, אזוי שיין אזוי ווי די לבנה. עס איז שיין ווען מען פירט זיך אויף אזוי ווי די לבנה, דאס איז די תפארת פון א אשה חשובה, ווען זי פירט זיך ווי א לבנה. די לבנה האט געזאגט, איך פארשטיי אז עס איז אי אפשר לשני מלכים שישתמשו בכתר אחד, דאס איז דער יפה כלבנה. און דאס איז געווען דער חן וואס אסתר האט געהאט, וואס פאר יעדן איינעם נדמתה כאומתו, אזוי ווי זיין אומה. די שיינקייט איז, דער חלק וואס איינער איז נכנע אונטערן צווייטן. דאס איז דער לימוד וואס מען לערנט פון די לבנה.

*

**עס** איז אבער אויך דא א לימוד וואס איז נוגע פארן מאן, פארן שמש, פאר די זון. די גמרא (ראש השנה כג:) זאגט, מעולם לא ראתה חמה פגימתה של לבנה. מען ווייסט, אז די זון שיינט שטענדיג. די לבנה איז דא צייטן וואס זי איז גאנץ, עס איז לעכטיג פון אלע זייטן. און צייטן וואס זי איז אביסל ליכטיג, און נאך ווייניגער, און נאך ווייניגער, ביז עס ווערט נתחדש די לבנה. אזוי גייט די זון און די לבנה. זאגט די גמרא, אז די זון און די לבנה זענען אויסגעשטעלט, אז די זון זעהט אייביג נאר די האלבע רינג פון די לבנה וואס עס לייכט. אבער די פגימה, די אנדערע זייט וואס לייכט נישט, זעהט די זון קיינמאל נישט. ווען די זון קוקט אויף די לבנה, זעהט זי די שיינקייט פון די לבנה, זי זעהט קיינמאל נישט די פגימה וואס איז דא אין די לבנה. פארוואס האט דער אייבערשטער אזוי געמאכט, זאגט די גמרא, כדי די לבנה זאל נישט האבן קיין חלישת הדעת. - מען רעדט נישט פון א מענטש, מען רעדט פון א דומם. - די לבנה זאל נישט האבן קיין חלישת הדעת, איך בין פגום, און דער חמה איז אזוי שיין. דער חמה זעהט קיינמאל נישט די פגימה וואס איז דא אין די לבנה.

**און** ווי מען האט פריער גערעדט, דער שמש איז דאך דער מאן, ער איז דער משפיע, זי איז די לבנה, יפה כלבנה. דער שמש טאר קיינמאל נישט זעהן קיין פגימה אין די לבנה! ביי אים דארף די לבנה שטענדיג גלאנצן אין זיינע אויגן, אפילו ווען עס איז דא א פגימה. די לבנה גלאנצט נישט אייביג, נישט אייביג איז גלאנציג די שטוב אז זי זאל זיין אזוי ווי א לבנה. יא עס איז דא פגימות, עס איז דא 'מאא"ד'ס, עס איז דא אמאל וואס מען איז אנדערש, אמאל איז עס אינגאנצען אויסגעלאשן, אמאל האלב אויסגעלאשן, אבער די זון דארף אייביג נאר זעהן די שיינקייט פון די לבנה! ער זעהט קיינמאל נישט די פגימתה של לבנה. זאגט די גמרא, דאס איז טייטש עושה שלום במרומיו (איוב כה-ב), אז דער אייבערשטער מאכט שלום במרומיו, אז די זון זעהט נישט די פגימה פון די לבנה.

**און** איך וועל עס אביסעלע מסביר זיין. מען ווייסט, אז פאר מען טוט א שידוך, טוט מען זיך אינטערעסירן איינער אויפן צווייטן, וויפיל מען קען. און מען קוקט מיט הונדערט אויגן, מיט א פארגרעסערונג גלאז אויף יעדע פעלער, יא מוותר זיין, נישט מוותר זיין. איך דארף עס נישט אראפלייגן, יעדער ווייסט עס ביי זיך אליין. און כך נאה וכך יאה, יא, ווען מען זוכט א שידוך, דארף מען טרעפן די בעסטע וואס מען קען.

**מען** דארף אבער געדענקן, אז דאס איז נאר ביז דעם טאג וואס מען האט חתונה. א טאג נאך די חתונה, איז מען געווארן איינס. דאס איז צוויי מענטשן וואס האבן זיך מחבר געווען צוזאמען, ער איז א פלג גופא, זי איז א פלג גופא, און עס דארף ווערן אבר מאבריו ובשר מבשרו. אזוי ווי אויף זיך זוכט ער נישט קיין פעלער, און ער זעהט נישט קיין פעלערס, אזוי דארף זיין אז די חמה זאל נישט זעהן פגימתה של לבנה, נאר זעהן די שיינקייט. אפילו עס איז דא פגימות, אבער עס אינטערעסירט שוין נישט. מען האט חתונה געהאט, דאס האט מיר דער אייבערשטער צוגעשיקט, דאס איז חלקי בחיים, ביז הונדערט און צוואנציג יאר וועלן מיר אזוי לעבן צוזאמען, אין פריידן און אין ליידן, נישט קיין חילוק. אז עס וועט גיין גרינג איז עס גרינג, און ווען עס איז

שווער פאר איר, איז פונקט אזוי שווער פאר מיר אויך. איך וועל פראבירן צו העלפן אין שטוב וואס מען קען, ווייל די חמה זעהט קיינמאל נישט פגימתה של לבנה. דאס איז דער עושה שלום במרומיו, ווען עס איז דא שלום בית אינעם שטוב.

*

**עס** שטייט אין די גמרא (כתובות יז.) אז ווען מען פלעגט זיך צו פרייען ביי שמחת חתן כלה, האט מען גענומען הדסים, און מען האט עס ארויפגעווארפן, און עס איז אראפגעפאלן, און מען האט עס צוריק ארויפגעווארפן. רב שמואל בר רב יצחק הוה מרקד אתלת, ווי די גמרא זאגט. אין יעדע זאך ליגט דאך עפעס א לימוד. הדסים דאס איז די אויגן, אזוי שטייט אין מדרש (ויק"ר ל-יד), עס איז דא אלע מינים פון די ארבעה מינים, די הדסים זענען אקעגן די עינים. די עינים דארף א מאן נוצן ביז ער האט חתונה, דארף ער זיך אומקוקן, יא גוט, נישט גוט. אבער ווען דו האסט שוין חתונה געהאט, נעם דיינע עינים, און ווארף עס ארויף, דו דארפסט שוין גארנישט באמערקן. מען מוז נישט אלעס זעהן! מען מוז נישט אלעס באמערקן! און אויב ער האט באמערקט מוז מען נישט אלעס זאגן! דו מוזט נישט ווייזן אז דו האסט באמערקט, און זאג נישט וואס דו האסט געזעהן. א חמה טאר נישט זעהן פגימתה של לבנה. מען נעמט די הדסים, די עינים, מען ווארפט עס ארויף. אפילו ווען עס פאלט אראפ, עס קומט נאך ווייטער צוריק, ווארף עס ארויף נאכאמאל, דו האסט עס געפונען נאכאמאל, ווארף עס ארויף. אתלת, ביז דו וועסט האבן חזקה, וויסן אז טאמער עס קומט א אויג וואס זעהט א זאך וואס דו וואלסט נישט געדארפט צו זעהן, ווארף עס אוועק, עס איז נישט דא.

**וועגן** דעם ווען מען מאכט א חתונה, טראגט מען ארויס די חופה אויף דער גאס, אונטער די זון און די לבנה, חתן כלה זאלן זיך אפלערנען פון די זון מיט די לבנה. די כלה זאל זיך אפלערנען פון די לבנה, אז אי אפשר לשני מלכים שישתמשו בכתר אחד, דאס איז דער לימוד וואס די כלה לערנט אראפ. די לימוד פונעם חתן איז, אז מעולם לא ראתה חמה פגימתה של לבנה, ווען מען האט חתונה געהאט, איז נישט דא מער קיין פגימות, דאס איז עס. איך זעה נישט מיינע פגימות, און איך זעה נישט אירע פגימות! דעמאלטס ווייסט מען אז מען שטעלט אויף א ערליכע שטוב.

**און** דאס איז דער רמז, אז מען מאכט א חתונה ווען עס איז די מילואה של לבנה, עס ווייזט אויף די מדריגה פון יפה כלבנה, וואס איז נוגע פאר די כלה. מען טראגט ארויס די חופה אויף דער גאס, אונטער שמים וארץ, ביידע זאלן זיך אראפלערנען, מען שטעלט אויף א נייע שטוב, יעדער זאל וויסן זיין פסוק. אמאל געדענקט מען יענעם'ס פסוק, אבער ער געדענקט נישט זיינס. עס איז דא א פסוק פאר דיר, עס איז דא א פסוק פאר איר. דו זאלסט נישט זעהן פגימתה של לבנה, און זי דארף וויסן אז אי אפשר לשני מלכים שישתמשו בכתר אחד.

*

**עס** איז דא א ווארט אין **בני יששכר** (אב ד-א) די גמרא (תענית כו.) זאגט, לא היו ימים טובים לישראל כחמשה עשר באב וכיום הכיפורים, עס איז נישט געווען אזעלכע ימים טובים ביי יודען, כחמשה עשר באב. די גמרא רעדט עס לגבי שידוכים וואס פלעגט זיין דעמאלטס. און ער ברענגט צו א ווארט וואס ער האט געהערט פונעם **אפטער רב זי"ע**, דער הייליגער **אוהב ישראל**. אז אויף לעתיד לבוא שטייט (תענית לא.), אז דער אייבערשטער וועט מאכן א מחול לצדיקים, א רינג פאר די צדיקים, און מען וועט טאנצן מיטן אייבערשטען. וואס איז דער מחול, וואס איז דער רינג. מען קען דאך טאנצען אן א רינג אויך, וואס דארף מען האבן א רינג אז מען זאל קענען טאנצען. זאגט ער, צדיקים לעתיד לבוא זענען דאך נישט דומה איינער צום צווייטן, די גמרא (בבא בתרא עה.) זאגט, כל אחד נכוה מחופתו של חבירו, איינער האט מער, איינער האט ווייניגער, און ווען איינער וועט קוקן אויף יענעם, וועט דאך זיין קנאה, פארוואס האב איך נישט זוכה געווען, צו וואס יענער האט זוכה געווען. און ער וועט זיך מצער זיין.

**ביי** א רינג איז נישט דא קיין ראש. עס איז נישט דא איינער וואס איז פארנט, איינער וואס איז אונטען, אלע וואס זענען אינעווייניג זענען אייניג. עתיד הקב"ה לעשות מחול לצדיקים, אזוי ווי אין א רינג שפירט קיינער נישט אז ער איז קלענער, און ער איז גרעסער, אלע זענען אויפן זעלבן מדריגה, אזוי וועלן זיין די צדיקים לעתיד לבוא.

**זאגט** דער אוהב ישראל, דער אות סמ"ך איז א רינג, וואס דאס ווייזט אויף א מחול וואס דער אייבערשטער מאכט, ווען יעדער איינער איז אויף די

זעלבע מדריגה, איינער איז נישט קלענער, איינער איז נישט גרעסער. דער סמ"ך איז די פופצענסטע אות אין די אל"ף בי"ת. פון אל"ף ביז סמ"ך איז דא פופצן אותיות. דאס איז דער ט"ו באב, ט"ו באל"ף בי"ת, איז דער אות סמ"ך. לא היו ימים טובים לישראל אזוי ווי חמשה עשר באב. ווען א מענטש האט די מדריגות, עס איז נישט דא אין שטוב קלענער און גרעסער, אונז זעמיר אלע אייניג, אונז פיר מיר א שטוב צוזאמען, יעדער טוט זיין תפקיד אינעם שטוב. דעמאלטס איז דא שלום אינעם שטוב, און דעמאלטס איז דא ברכה אין שטוב. לא מצא הקב"ה כלי מחזיק ברכה לישראל, אלא השלום.

**וועגן** דעם ווען מען איז מקדש א אשה, נעמט מען א רינגל. א רינגל איז רינדעכיג. עס איז טאקע דא זאכן וואס דער מאן דארף זיין העכער, עס איז דא זאכן וואס זי דארף זיין נכנע, אבער איך בין דיך מקדש הרי את מקודשת לי בטבעת זו, איך געב דיר א טבעת, א רינדעכיגע טבעת, אזוי וועט זיין אונזער שטוב. ביי אונז וועט נישט זיין איינער גרעסער און איינער קלענער, נאר מיר וועלן זיך פירן מיט אהבה מיט א אחדות, ווי עס דארף צו זיין. איז וועגן דעם נעמט מען א רינגל, וואס א רינגל איז רינדעכיג.

**און** אפילו וואו מען נעמט א רינגל וואס איז פיר-עקעדיג, איז עס נאר אין חיצוניות, אבער אינעווייניג, אין די פנימיות איז דאס רינדעכיג. אפילו אין חיצוניות קוקט עס יא אויס, דער מאן זיצט אויבן אן, און זי זיצט נישט אויבן אן, זי זיצט אונטען, דאס מיינט נישט אז ער איז אויבן און זי איז אונטען, עס איז נאר אין חיצוניות קוקט עס אזוי אויס, אבער אין אינעווייניג, איז דא א טבעת וואס איז דא אהבה און אחוה און שלום וריעות צווישן זיי.

*

**און** מען נעמט א טבעת של זהב, פון גאלד, מען נעמט נישט קיין טבעת של כסף. כסף איז א שטיקעלע גיאות, עס הייבט זיך אן מיט א כ"ף, און ער ווערט נאכדעם גרעסער, ער ווערט שוין א סמ"ך, און פון דעם סמ"ך ווערט ער נאכדעם א פ"א. דער אפעטיט קומט מיט אים, און ער ווערט אלץ גרעסער און גרעסער. זהב איז פארקערט, אלץ קלענער. ער האט אנגעהויבן מיט א ז"ן, און נאכדעם גייט ער אראפ נאך מער נכנע צו ווערן א ה"א, און נאכדעם גייט ער אראפ צו א בי"ת. ער איז טאקע אראפ, ביז בי"ת מעג ער אראפגיין, אבער נישט ביז אל"ף. ביז צו דער ערד דארף מען נישט גיין, נאר ביז צום בי"ת.

**ער** נעמט א טבעת של זהב, און ער זאגט הרי את מקודשת לי בטבעת זו, אונז גיי מיר זיך פירן אזוי ווי א טבעת, און אזוי ווי א טבעת של זהב, מען וועט זיין נכנע איינער אונטערן צווייטן. עס וועט נישט זיין קיין כסף, עס וועט זיין זהב, איינער וועט זיין נכנע צום צווייטן, און דעמאלטס שטעלט מען אויף אן ערליכע יודישע שטוב.

*

**לענינינו**, ב"ה א חשוב'ע חתן כלה, כלום אדם מעיד על בנו, איך גיי נישט רומען נישט מיין זון און נישט מיין איינקל, אלע אין בית המדרש קענען אים, און מיין איינקל איז ב"ה א חשוב איינקל, מיט אמת'דיגע הכנעה וואס א יודישע טאכטער דארף צו האבן. און דער חתן איז דאך א כליל המעלות, מען האט שוין געהערט אין די שבע ברכות פון אלע זייטן ווי אזוי מען רומט אים, עס איז זיכער אז ביידע וועלן פארשטיין יעדער זיין מעלה, און ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן.

**די** כלה וועט פארשטיין, אז עס איז אי אפשר לשני מלכים שישתמשו בכתר אחד, עס איז נישט דא נאר איין כתר, עס איז דא א מאן אין שטוב, ער איז דער בעל הבית, און זי דארף זיין נכנע. און דער חתן וועט פארשטיין אז מעולם לא ראתה חמה פגימתה של לבנה, מען האט חתונה געהאט, עס איז שוין נישט דא מער קיין פגימות, מען קוקט נישט מער, דאס איז עס, כזה ראה וקדש. און מען האט מקדש געווען מיט א טבעת, צו ווייזן אז די עיקר פון די קידושין איז, עס זאל זיך אויפשטעלן שפעטער א שיינע יודישע שטוב, וואס לא היו ימים טובים לישראל, אז מען וויל האבן די שענסטע טעג אינעם לעבן, דארף עס זיין אזוי ווי די ט"ו באל"ף בי"ת, נישט גרעסער נישט קלענער, מען שמועסט זיך אדורך יעדע זאך אין שטוב, און מען שרייט נישט איינער אויפן צווייטן, און מען פירט זיך אויף ארענטליך איינער צו דעם אנדערן, דעמאלטס איז עס א בית וואס עס איז שרוי דערין א ברכה.

**וויל** איך נאר וואונטשן פאר חתן כלה, דער אייבערשטער זאל געבן, דער זיווג זאל עולה יפה

זיין, עס זאל זיין א בנין עדי עד, זיי זאלן קענען אויפשטעלן א בית נאמן בישראל, און מיר זאלן אלע צוזאמען זעהן אסאך נחת דקדושה. איך וויל אנוואונטשן פאר אלע מסובין, דער אייבערשטער זאל געבן עס זאל זיין שמחות און נחת ביי ענקערע שטובער.

**איך** וויל אבער ענדיגן, איך וויל אויך א ברכה פונעם ציבור. עס איז היינט מיין יום הולדת, עס איז ביי מיר א גרויסער טאג, דער אייבערשטער האט מיר געשאנקען די יארן ביז יעצט, איך דאנק דעם אייבערשטען ברבים, אויף יעדן טאג פון מיין לעבן וואס ער האט מיר געגעבן. נישט נאר אויף יעדן טאג, נאר על כל נשימה ונשימה תהלל י-ה, פאר יעדן אטעם פון ווען איך בין געבוירען געווארן ביז היינט, געב איך א שבח והודאה פארן רבונו של עולם. און איך בעהט, און איך בין מתפלל, דער אייבערשטער זאל מיר געבן אריכת ימים ושנים ווייטער אויך, געזונטע לאנגע יארן, איך זאל קענען עומד זיין לשרת דעם כלל ישראל מיט די עדה הקדושה. וויפיל דער אייבערשטער האט געגעבן דעם תפקיד פאר א יוד, זאל ער עס קענען אויסנוצן בשלימות. און מיר זאלן אלע אינאיינעם זוכה זיין אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

## בסעודת ברית מילה של בן הר"ר ישראל שטראהלי הי"ו, ושל בן הר"ר צבי פשערהאפער הי"ו

יום ג' פרשת ויקרא תשפ"ג לפ"ק

**מען** געפונט די וואך אין די פרשה (ויקרא ב-יא), די תורה זאגט, כי כל שאור וכל דבש לא תקטירו ממנו אשה לה', קרבן ראשית תקריבו אותם לה'. אין בית המקדש האט מען נישט געקענט מקריב זיין, נישט קיין שאור און נישט קיין חמץ, אלע מנחות זענען געווען מצה. וכל דבש, יעדע זיסע זאך פון דבש, האט מען אויך נישט געקענט ברענגען אין בית המקדש. אויסער אויף איין פלאץ, קרבן ראשית תקריבו אותם לה', די קרבן וואס איז געווען א ראשית, שתי הלחם איז געווען א 'ראשית', עס איז געווען דער ראשית הקציר, האט מען געברענגט שתי הלחם, וואס איז געווען פון חמץ. און ביכורים ווערט אויך אנגערופן 'ראשית', ראשית פרי אדמתך. ביכורים האט מען געקענט ברענגען פון תמרים, תמרים איז דבש. קרבן ראשית תקריבו אותם לה', ווען עס קומט צו די קרבן פון ראשית, קען מען נעמען סיי שאור און סיי דבש, און מקריב זיין.

**אין** הייליגע ספרים שטייט, אז עס ליגט א רמז דערין. מען האט פריער געהערט, א מצוה דארף א יוד מקיים זיין בלתי לה' לבדו, ער טוט עס וויל שאמר ונעשה רצונו. דעם אייבערשטען'ס נחת רוח איז, ווען א יוד האט אים געפאלגט. דער אייבערשטער האט געהייסן מען זאל אזוי טון, און ער טוט וואס דער אייבערשטער האט געהייסן, אן קיין שום זייטיגע אינטערעסן. אמאל איז דא וואס דער יצר הרע ברענגט זייטיגע אינטערעסן, מען זאל עס טון כדי יענער זאל זעהן, יענער זאל וויסן וכדומה. אמאל איז דא וואס ער טוט עס, ער זאל זוכה זיין צו שכר פון עולם הבא, דאס איז שוין א איידעלערע מחשבה, אבער נישט דאס איז דער תכלית פון די עבודה, אל תהיו כעבדים המשמשים את הרב על מנת לקבל פרס, אלא היו כעבדים המשמשים את הרב שלא על מנת לקבל פרס (אבות א-ג), טון וויל דער אייבערשטער האט געהייסן טון, איז ער מקיים אזוי די מצוה.

**וועגן** דעם האט דער אייבערשטער געגעבן די ערשטע מצוה פון ברית מילה, פאר א קליין קינד, וואס א קליין קינד האט זיכער נישט קיין מחשבות, נישט פאר קיין שכר מצוה, און נישט כדי אנדערע זאלן וויסן, ער איז דאך א קליין קינד, ער ווייסט דאך נישט. ביי די ערשטע מצוה וואס ער איז מקיים, האט מען אראפגעלייגט דעם יסוד ביי א קינד, די ערשטע מצוה וואס דו ביסט מקיים, טוסטו עס בלתי לה' לבדו, אזוי זאל זיין דיין עבודה שפעטער. כשם שנכנס לברית, אזוי ווי דו ביסט אריינגעגאנגען לברית, איז דאס נישט געווען מיט קיין שום זייטיגע כוונה, כן יכנס לתורה ולחופה למעשים טובים, זאל ווייטער אויך אזוי זיין.

**דער** יצר הרע ווערט אנגערופן 'שאור', אזוי זאגט דאך די גמרא (ברכות יז.), מי מעכב שאור שבעיסה.

דאס איז טייטש, יעדע מצוה וואס א מענטש טוט מיט א פניה, דאס קומט פונעם יצר הרע. דאס איז די בחינה פון שאור, און מען קען נישט אריינברענגען אין בית ה', א זאך וואס דער יצר הרע גיט אריין א פניה אינעם מענטש.

**נאכדעם** איז דא, וואס עס קומט נישט פונעם יצר הרע, עס קומט גאר פונעם יצר טוב, שכר פון עולם הבא. מען גלייבט דאך אין שכר ועונש. דאס איז 'דבש', עס וועט קומען אמאל א צייט ווען דער אייבערשטער וועט באצאלן פאר די מצוות.

**כי** כל שאור וכל דבש לא תקטירו ממנו אשה לה', נישט קיין 'שאור', נישט קיין פניות, און נישט קיין 'דבש', ווייל דו וועסט באקומען שכר לעולם הבא, דאס קומט נישט אריין אין בית ה'. פונקט ווי דער קרבן ראשית, אזוי ווי דער ערשטער קרבן וואס א מענטש ברענגט פון זיך, וואס דאס איז מצות מילה, דאס איז דאך זיין קרבן ראשית. אדם כי יקריב מכם (ויקרא א-ב), ער איז מקריב פון זיך אליין, דער קרבן ראשית איז דאך זיכער בלתי לה' לבדו. אזוי ווי דיין קרבן ראשית איז, אזוי זאלסטו מקריב זיין אלע זאכן פארן אייבערשטען. כי כל שאור וכל דבש לא תקטירו, קען מען נישט מקריב זיין פארן אייבערשטען, אבער קרבן ראשית תקריבו, וואס איז יא חשוב ביים אייבערשטען, דער קרבן וואס איז אזוי ווי ראשית, וואס מען מל'ט דאס קינד דאס ערשטע מאל, און ער טוט עס בלתי לה' לבדו, אזא קרבן דארף מען מקריב זיין פארן אייבערשטען.

**דער** אייבערשטער האט געהאלפן די צוויי בעלי ברית האבן מכניס געווען זייער קינד בבריתו של אברהם אבינו, עס איז דאך א מצוה וואס מען איז מקיים בשמחה, און מען איז עס מקיים בלתי לה' לבדו, אן קיין זייטיגע פניות. קיינער גייט נישט פארגיסן בלוט פאר א קינד כדי יענער זאל וויסן, יענער זאל זעהן. אז מען טוט עס, טוט מען עס מיט א שמחה, און דאס קינד איז מקיים די ערשטע מצוה אן קיין זייטיגע כוונה. זאל דער אייבערשטער העלפן, כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים, קענען מגדל זיין דעם קינד, מיט אלע קינדער, לתורה ולחופה ולמעשים טובים. מען איז נאך אין חודש פון אדר וואס איז מרבין בשמחה, זאל מען קענען מיטנעמען די שמחה א גאנץ יאר שפעטער, מען זאל זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צוגיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

## ניחום אבלים אצל משפחת הר"ר זלמן מאטיאש ע"ה

יום ג' פרשת ויקרא תשפ"ג לפ"ק

**א' האבלים:** רבי מרדכי זאב [עהרענרייך שליט"א, אב"ד שאמלויא] האט מיר נעכטן געברענגט די תקנות פונעם שטיבל אין שאמלויא. מיין זיידע, רבי סנדר מאטיאש, שטייט דארט אונטערגעשריבן. - עס שטייט דא, אז יעדע זאך וואס עס וועט זיין א פראבלעם, ווען מען פרעגן דעם רב.

**רבינו:** נאר אויף א זאך וואס עס איז נישט דא קיין מנהג ידוע. עס שטייט דא, אז איינער וואס האט זיך געשטיצט די באַרד, קען נישט זיצן אויבן אן. און מען טאר אים נישט פארקויפן א זיץ, אפילו ער איז פון די מייסדים פונעם בית המדרש.

**א' האבלים:** אויך שטייט דארט, אז צוויי זיצן זאלן בלייבן ליידיג אויפן אויבן אן, איינס ביי די זייט און איינס ביי יענע זייט.

רבי מרדכי זאב האט מיר געזאגט, אז מיין טאטע איז נאך געווען פון די איינציגסטע וואס איז געווען אויפן באן מיטן **שאמלויא'ער רב** אויפן וועג קיין אושוויץ. מיין פעטער האט געהערט דעמאלטס פונעם שאמלויא'ער רב וואס ער האט געזאגט, 'נאר וועגן דעם ברענגט מען אונז אהער, ווייל מען האט נישט גענוג לוחם געווען אנטקעגן די ציונים'.

**רבינו:** דער שאמלויא'ער רב איז געווען א גרויסער לוחם אנטקעגן די ציונים. רבי נתן יוסף מייזעלס זצ"ל האט מיר פארציילט, אז דער **סאטמאר'ער רב זצ"ל** האט אים אמאל געזאגט, מען רעדט זיך אפ אויף מיר אז איך בין צו א שארפער קנאי. ווען זיי וואלטן געהערט ווי אזוי דער שאמלויא'ער רב האט גערעדט, וואלטן זיי געוואר געווארן אז איך בין גאלד אנטקעגן אים.

**א' האבלים:** מיין טאטע איז געווען א יונגער בחור ווען זיי האבן זיך געזעגנט, ער איז געווען פערצן יאר אלט. ער איז יעצט געווען דריי און ניינציג. - מיין זיידע פלעגט לערנען פאר די מיידלעך אין סעמינאר, אין שאמלויא, אונטערן רב.

**רבינו:** עס איז געווען א סעמינאר וואו די מיידלעך זענען זיך צוזאמגעקומען לערנען?

**א' האבלים:** מיין זיידע האט געלערנט פאר זיי.

**רבינו:** איך האב נישט געהערט.

**א' האבלים:** מיין טאטע האט מיר אזוי געזאגט.

**רבינו:** מן הסתם איז מען זיך צוזאמגעקומען פון צייט צו צייט, און ער האט גערעדט פאר זיי. אבער דאס האב איך אויך נישט געהערט, אז עס זאל זיין אינדערהיים, אז מענער זאלן רעדן פאר מיידליך.

**א' האבלים:** דער שאמלויא'ער רב איז געווען א חסיד?

**רבינו:** אוודאי, ער איז געווען א שינאווער חסיד, און ער איז געווען א חסיד פונעם **דרכי תשובה**.

## בסעודת שבע ברכות של נכדת כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

**בת הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א, עב"ג הרב ישראל משה אייכענשטיין שליט"א**

יום ג' פרשת ויקרא תשפ"ג לפ"ק - בבית הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א

**האדמו"ר מסאטמאר:** וועלכע סוגיא וועט מען רעדן שבת הגדול?

**רבינו:** איך האב נאכנישט געהאט צייט אריינצוקוקען.

**הרה"ג רבי יואל משה מרדכי:** דער טאטע פלעגט אמאל, אין די אנפאנג יארן אין די קהלה, פארלערנען די סוגיא, פאר די בעלי בתים אין בית המדרש, פאר שבת הגדול און שבת שובה. שפעטער ווען עס איז שוין געווארן חסידיש'ער, האט מען אויפגעהערט.

**האדמו"ר מסאטמאר** (בצחות)**:** אונז זעמיר נאך געבליבן אשכנז'יש...

**רבינו:** איך ווייס נישט ווי אזוי דער רבי באווייזט עס.

**האדמו"ר מסאטמאר:** דער אייבערשטער גיט כח. איך האב היינט אויך פארגעלערנט אין ישיבה.

**רבינו:** איך האב נישט קיין פראבלעם, איך נעם דעם **לב אהרן**, האב איך וואס צו זאגן... איך נוץ עס יעדעס יאר. עס איז זייער שיין.

**האדמו"ר מסאטמאר:** יישר כח.

*

**האדמו"ר מסאטמאר פנה להאדמו"ר מוויזניץ:** מען זאגט תורה מיט גימטריאות?

**האדמו"ר מוויזניץ:** יא, מיט אביסל דרוש אויך.

**האדמו"ר מסאטמאר:** מיר קומט אויך אויס אמאל צו זאגן א גימטריא, אדער א ראשי תיבות, איך זאג אלץ, אז אין מיין לייסענס נאך די חתונה, האט מען צוגעשריבן, אז מען קען זאגן גימטריאות אויך. דעם **ראפשיצער רב'ס** גימטריאות זענען פלאי פלאים. אין **ייטב לב** טרעפט מען היבש גימטריאות און ראשי תיבות.

**רבינו:** אין **רב טוב** אויך. תקופות וגימטריאות פרפראות לחכמה (אבות ג-כג).

**הרה"ג רבי יואל משה מרדכי:** מיין טאטע זאגט אויך אסאך מאל רמזים אויף די טעמי המקרא, מונח זרקא מונח סגול, מונח רביעי.

**האדמו"ר מסאטמאר:** דער **ויגד יעקב** האט דברי תורה אויף די טראפן.

**רבינו:** ליכא מידי דלא רמיזי באורייתא (תענית ט.).

**האדמו"ר מסאטמאר:** די טעמי המקרא זענען הלכה למשה מסיני.

**רבינו:** פיסוק טעמים (מגילה ג.).

**האדמו"ר מסאטמאר:** די תורה הק' האט פיר זאכען, די ראשי תיבות דערפון איז טנת"א. א'ותיות, נ'קודות, ת'גין, און די ט'עמים. ווען מען שרייבט א ספר תורה, שרייבט מען די אותיות און די תגין, ווען מען ליינט אין די תורה, ליינט מען אויף די נקודות און די טעמים. קומט אויס, אז ווען מען ליינט אין א ספר תורה די ערשטע קריאה, דעמאלטס ווערט נשלם די קדושה פון די ספר תורה. ווען מען האט געשריבן דעם ספר תורה, איז נאר געווען די תגין און די אותיות, און ביי די ערשטע קריאה איז אויך דא די נקודות און די טעמים, דעמאלטס ווערט נשלם די פיר חלקים פון א ספר תורה.

**האדמו"ר מוויזניץ:** דער **בני יששכר** זאגט אסאך מאל רמזים אויף די תגים. ביי די חנוכה תורות (כסלו ב-ח) זאגט ער, וירא אלקים את האור כי טוב (בראשית א-ד),

אויף די טי"ת איז דא פיר תגין. פיר מאל ניין, איז זעקס און דרייסיג, א רמז אויף די ל"ו נרות.

**הרה"ג רבי יואל משה מרדכי:** די נאמען פון די טראפן איז אויך הלכה למשה מסיני? מען זאגט דאך די רמזים אויף די נאמען פון די טראפ, זרקא, סגול, רביעי.

**האדמו"ר מסאטמאר:** מן הסתם. ווער דען האט עס אהערגעשטעלט? די אלע זאכען זענען מקובל.

צדיקים ווען זיי האבן געליינט אין די תורה, האבן זיי אריינגעלייגט א גרויסע עבודה.

**אבד"ק גאלאנטא:** דער **רבי ז"ל** האט אריינגעלייגט יעדע עליה וואו צו ענדיגן, מיט וואס ער זאל אויסלאזען.

**האדמו"ר מסאטמאר:** עס האט מיר געזאגט רבי חיים הערש יאקאבאוויטש, ער קומט פון קליינווארדיין. אין קליינווארדיין האט געוואוינט, ביים ערשטען קריג, **רבי לייבוש טארנע'ר ז"ל**, דעם שינאווער רב'ס א זון. ער האט אים געהערט ליינען די מגילה פורים אינדערפרי, האט ער מיר געזאגט, אז ער געדענקט אז ער האט געליינט די מגילה מיט אזעלכע בכיות.

**רבי אליעזר דזשיקוב'ער זצ"ל** איז געווען אמאל אויף א שבת אין צאנז, און דער **דברי חיים זי"ע** האט געליינט, און בשעת'ן ליינען האט ער געקלאפט מיט די הענט און די פוס, ער האט געמאכט קולות, עס איז געווען א גרויסע עבודה. און דער דזשיקוב'ער רב איז געזעסן אויף זיין פלאץ, און ער האט געהאט א חומש, און אויסגעהערט דאס ליינען. און ער האט געזאגט פאר זיינע שכנים, דא וועט ער קלאפן מיט די הענט, און דא וועט ער קלאפן מיט די פוס, און דא וועט ער שרייען. און אזוי איז טאקע געווען. נאכן ליינען ווען דער דברי חיים איז צוריקגעקומען אויף זיין פלאץ, זאגט דער דזשיקוב'ער רב פארן דברי חיים, ער איז אים געווען א מחותן, מחותן, איך האב עדות, אז איך פארשטיי אויך א פסוק חומש, עם כל זה איך האלט מיך איין. זאגט אים דער צאנזער רב, יא, אבער עס איז דא נאך און נאך און נאך.

**האדמו"ר מוויזניץ:** מען דערציילט נאך אז דער צאנזער רב האט געלערנט א גאנץ יאר פשט אין א ווערטל פונעם **ראפשיצער רב**. ווען ער איז צוריקגעקומען נאך א יאר, האט אים דער ראפשיצער רב געזאגט, יונגערמאן זאג עפעס. האט דער צאנזער געזאגט די אלע טעמים אין דעם ווערטל. האט ער אים געזאגט, וואס זאל איך טון, אז עס איז נאכנישט צוגעקומען צו די העלפט טעמים...

**אבד"ק גאלאנטא:** דער **שינאווער רב** איז געווען אמאל ביים צאנזער רב ביי קריאת התורה פרשת יתרו, און עס איז געווען א מורא'דיגע התעוררות, האט ער געקלערט, אויב עס איז אזוי פרשת יתרו, ווער ווייסט וואס גייט זיין שבועות. למעשה האט ער געזעהן אז שבועות איז נישט געווען אזא התעוררות. האט ער געזאגט, עס איז א ראיה אז קריאה מעורר את הזמן, קען אמאל זיין נאך שטערקער ווי דער זמן אליין.

**האדמו"ר מסאטמאר:** ער איז געווען אין צאנז, און דער **דברי חיים** האט געליינט, און ער האט געהערט ממש קולות וברקים. האט ער זיך פארגעשטעלט, אז אויב עס איז יעצט אזוי, וועט דאך שבועות זיין מער. איז ער געקומען אויף שבועות נאכאמאל, און שבועות האט ער נישט געהערט. האט ער געפרעגט דעם צאנזער רב. די קשיא איז, אז עס דארף 'אויך' זיין קריאה מעורר את הזמן. ער וואלט געדארפט דארט אויך פילן, און אוודאי אינעם זמן אליין. האט אים דער צאנזער רב געזאגט, שבועות האסטו זיך צוגעגרייט, ער האט געמאכט א הכנה צו דעם, האט ער אים געזאגט, אמאל גיט מען אן א הכנה, מער ווי מיט א הכנה.

**אבד"ק גאלאנטא:** **רבי אייזיק'ל זידיטשוב'ער** האט געהאט א חסיד רבי שלמה דאלינער, און ער איז געווען שבועות אין זידיטשוב, און ווען רבי אייזיק'ל האט אנגעהויבן צו ליינען די עשרת הדברות, האט ער געזעהן שווארץ פאר זיך. און ער האט מורא געהאט אז ער גייט אויסגיין, האט ער אנגעהויבן צו טראכטען, און ער איז צוריקגעקומען צו זיך. האט אים רבי אייזיק'ל שפעטער געזאגט, א שאד, אז די האסט שוין געהאלטן ביי חושך ענן וערפל, ווען דו ווארטס נאך אביסל, וואלסטו געהערט קול ה' מדבר מתוך האש. א שאד אז דו האסט מסיח דעת געווען.

**האדמו"ר מסאטמאר:** עס איז געווען א קול גדול ולא יסף (דברים ה-יט), עס האט זיך נישט אויפגעהערט. די משנה (אבות ו-ב) זאגט, בכל יום ויום בת קול יוצאת מהר חורב, ומכרזת ואומרת אוי להם לבריות מעלבונה של תורה. פון וואו גייט עס ארויס, פונעם הר סיני. פון די קול גדול ולא יסף, הערט מען יעדן טאג א בת קול. עס קומט נאך ווייטער פון דארט.

**אבד"ק גאלאנטא:** עס שטייט פון **בעל שם הק'** אז די הרהורי תשובה וואס א מענטש האט, קומט פון דעם בת קול.

**האדמו"ר מסאטמאר:** אבער עס איז אינטערעסאנט, דער **ראפשיצער רב** זאגט (**זרע קודש** פ' וארא), אז נישט

יעדער איז זוכה צו הערן דעם בת קול. נאר די צדיקים, די ערליכע יודען. אנדערע הערן שוין אביסל שוואכער, און איינער וואס איז נאך ווייטער, הערט עס שוואכער. נאר צדיקים הערן דעם בת קול יעדן טאג.
**האדמו"ר מוויזניץ:** פארוואס דארפן עס די צדיקים הערן, זיי זענען דאך ממילא ערליכע יודען? דער טאטע פלעגט אזוי פרעגן די קשיא. דער וואס הערט דעם בת קול, דער דארף דאך שוין נישט הערן. און דער וואס דארף עס הערן, הערט דאך נישט, וואס טוט אויף דער בת קול.
**האדמו"ר מסאטמאר:** עפעס הערט מען, עפעס בלייבט.

**האדמו"ר מסאטמאר יצא במחול לצדיקים עם החתן והמחותנים, ונפרדו לשלום**

## בסעודת ברית מילה של בן הר"ר מנחם פאלקאוויטש הי"ו
יום ד' פרשת ויקרא תשפ"ג לפ"ק

**די** גמרא (נדרים לא:) זאגט, אלמלא מילה לא נתקיימו שמים וארץ, שנאמר (ירמיה לג-כה) אם לא בריתי יומם ולילה, חוקת שמים וארץ לא שמתי. ווען נישט די מצוה פון ברית מילה, וואלט נישט געווען קיין קיום פאר די וועלט, לא נתקיימו שמים וארץ.

**מען** זעהט, אין די משנה (אבות א-ב) איז אויסגערעכנט דריי זאכן אויף וואס עס איז דא קיום העולם, על שלשה דברים העולם עומד, על התורה ועל עבודה ועל גמילות חסדים. תורה ווייסט יעדער איינער, אז עס מיינט לימוד התורה, מצות התורה. גמילות חסדים פארשטייט מען אויך, אן גמילות חסדים איז נישט דא קיין וועלט. עולם חסד יבנה (תהלים פט-ג), עס מוז זיין א וועלט מיט חסד. אויב איינער העלפט נישט ארויס פאר א צווייטן, יעדער וועט לעבן פאר זיך אליין, איז נישט דא קיין קיום העולם. נאכדעם איז דא עבודה, עבודה דאס איז נישט קיין תורה, און נישט קיין גמילות חסדים, נאר עבודת הקרבנות. מקריב זיין א קרבן פארן אייבערשטען, דאס איז א חלק פון עבודה. און דאס איז אזוי גרויס, אז די וועלט שטייט אויף עבודה.

**מקריב** צו זיין א קרבן, איז נאך נישט אזא גרויסע מסירת נפש, עס קאסט א פאר דאלער, מען גייט ארויס אין געשעפט, און ער קויפט זיך איין א שעפעלע, אן אקס, און ער ברענגט א קרבן פארן אייבערשטען. פונדעסטוועגן דאך איז א קרבן א גרויסע זאך. עס איז אבער דא א קרבן וואס א יוד ברענגט פון זיך אליין, פון זיינע קינדער. אז ער ברענגט אריין א קינד בבריתו של אברהם אבינו, דאס איז א קרבן וואס ער איז מקריב פארן אייבערשטען. כי עליך הרגנו כל היום (תהלים מד-כד), זו מילה (גיטין נז:).

**די** וואך אין די פרשה איז דאך די עבודה פון קרבנות. די ערשטע זאך וואס די תורה הייבט אן, בעפאר ער זאגט נאך מן הבהמה מן הבקר ומן הצאן תקריבו את קרבנכם, זאגט די תורה, אדם כי יקריב 'מכם' קרבן (ויקרא א-ב), עס איז דא אן הקרבה וואס א מענטש איז מקריב פון זיך א קרבן פארן אייבערשטען, דער **חתם סופר** (בפרשתנו ב.) זאגט, אז דאס גייט ארויף אויף מצות מילה, וואס א מענטש איז מקריב 'מכם', פון ענק אליין.

**און** דאס איז דער גאנצער תכלית פון אלע קרבנות. דער תכלית איז, אז א מענטש זאל זיך אראפלערנען דערפון, אז מען דארף מקריב זיין פון זיך א קרבן פארן אייבערשטען. די ערשטע חינוך וואס מען גיט פאר א קינד איז מסירת נפש. איך ברענג דיך פאר א קרבן פארן אייבערשטען, מיט דעם וואקסט מען אויף. און דאס איז קיבלו עליהם בשמחה, מען טוט עס נישט מיט קיין שוועריקייט, מען טוט עס מיט א שמחה, מען מאכט א סעודה דערויף, און מען פריידט זיך.

**קומט** אויס אז דאס וואס מען זאגט אז ברית מילה איז קיום העולם, דאס איז פארבינדן, ווייל עבודה איז קיום העולם. וויבאלד על שלשה דברים העולם עומד, על התורה ועל עבודה ועל גמילות חסדים. אז עבודה איז קיום העולם, איז נישט דא קיין גרעסערע עבודה ווי ברית מילה. איז ממילא אלמלא ברית מילה, לא נתקיימו שמים וארץ.

## בסעודת שבע ברכות של נכדת כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

**בת הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א, עב"ג הרב ישראל משה אייכענשטיין שליט"א**

יום ב' פרשת ויקרא תשפ"ג לפ"ק - בהיכל הישיבה גדולה

**אונז** זיך מיר ביי די סיום פון די שבעת ימי המשתה פונעם חשובן חתן, א סיום פארן גאנצן זמן וואס מען איז געזעסן און געלערנט באהלה של תורה. עס קומט דער בין הזמנים, מען צופארט זיך יעצט. א האלבע דרשה האט מיר שוין דער גאלאנטער רבי אויסגעכאפט, די מוסר וואס מען האט געדארפט הערן וואס איז נוגע אויפן עבר און אויפן עתיד. וואס איך וועל זאגן, איז נאר צוצוגעבן צו די ווערטער וואס מען האט געהערט פריער.

**איך** וועל אנהייבן מיט די פרשה פון די וואך. מען ווייסט אז קליינע קינדער, בשעת זיי הייבן אן צו לערנען, הייבט מען אן צו לערנען מיט זיי די פרשה פון ויקרא. וואס האט מען עפעס אויסגעקליבן פרשת ויקרא? שטייט אין מדרש (ויק"ר ז-ג), יבואו טהורים ויתעסקו בטהורים. קליינע קינדער זענען טהורים, ריין, ערליך, אן קיין עבירות, זיי פאלגן ווי דער סדר איז. און די ערשטע פרשה פון ויקרא, איז אויך טהורים, אלע קרבנות זענען טהורים. יבואו טהורים ויתעסקו בטהורים, זאלן קומען די קליינע קינדער, זיי הייבן אן צו לערנען תורה, זאלן זיי לערנען תורה וואס איז טהור.

**אבער** אסאך מאל בלייבט דער יבואו טהורים ויתעסקו בטהורים, נאר ביי די קליינע קינדער. אבער דאס איז א לימוד, ווען מען הייבט אן צו לערנען תורה קליינערהייט, ווייזט מען שוין פאר דעם קינד, וואס איז אונזער ציל אין תורה. אונזער ציל אין תורה איז נישט צו גיין אין חדר, און קענען לערנען און פארשטיין לערנען, אוודאי דארף מען דאס אויך האבן, אבער די תכלית פון חכמה איז תשובה ומעשים טובים (ברכות יז.), יראת ה' טהורה עומדת לעד (תהלים יט-י), תורה וואס מען לערנט בטהרה, עומדת לעד, דאס בלייבט אויף שטענדיג (יומא עב.). וויפיל מאל זעהט מען, בעלי כשרונות, וואס האבן געהאט גוטע קעפ, זיי זענען געזעסן אין ישיבה זיי האבן געלערנט, און מען קוקט צוואנציג דרייסיג יאר נאך די חתונה, וואס איז אויסגעוואקסן פון זיי, עס איז ליידיג. און וויפיל זעהט מען אזעלכע וואס זענען נישט געווען אזעלכע בעלי כשרונות, און שפעטער זענען זיי אויסגעוואקסן לשם ולתפארת.

**יראת** ה' טהורה עומדת לעד. די וואס האבן געלערנט תורה ערליך, מען האט זיך געהיטן פון וואס מען דארף זיך היטן, די יראת ה' איז געווען ריין, דאס איז עומדת לעד, דאס בלייבט אויף שטענדיג. תורה וואס איז נישט בטהרה, גייט אדורך, און עס בלייבט נישט ביי דעם מענטש. ווען מען הייבט אן צו לערנען תורה מיט קליינע קינדער, אנהייב פון לימוד התורה, ווייזט מען תיכף די נקודה, אז יבואו טהורים ויתעסקו בטהורים, אז תורה דארף זיין בטהרה.

*

**עס** קומט בין הזמנים, מען גייט ארויס פון בית המדרש. ווילאנג מען איז אין בית המדרש, מען איז ארומגענומען מיט די פיר ווענט פון תורה, מען זיצט אין א ים התלמוד. א ים איז א מקום טהרה, און אזוי איז א בית המדרש, א בית המדרש איז כנחלים נטיו (במדבר כד-ו), שטייט אין די גמרא (ברכות טז.), אז די אהלים פון תורה טוען מעלה זיין דעם מענטש פון טומאה צו טהרה אזוי ווי נחלים, דאס איז דער ים התורה. און א בחור וואס איז ערליך, פירט זיך אויף ערליך, ער איז דא אין בית המדרש, ער האט דעם דארמיטארי אויפן פלאץ, כמעט וואס ווען ער זאל וועלן, דארף ער נישט ארויסגיין פונעם בנין, און מען געפינט זיך שטענדיג אין א ריינע סביבה. עס האט א געוואלדיגע השפעה אויף די תורה וואס מען לערנט שפעטער.

**מען** זאגט נאך אויפן פוסק הדור, **רבי שמואל וואזנער זצ"ל**, ער האט געלערנט אין ישיבת חכמי לובלין, האט ער געזאגט, ווען ער איז אנגעקומען אין ישיבת חכמי לובלין צו לערנען, איז ער א גאנץ יאר געזעסן אין בית המדרש פון דעם בנין, און ער האט נישט געוואוסט ווי אזוי דער בנין קוקט אויס אינדרויסן! ער איז קיינמאל נישט ארויסגעגאנגען שפאצירן אינדרויסן, אז ער זאל זעהן ווי אזוי דער בנין זעהט אויס פון אינדרויסן! - אונז זעמיר נישט אין די מדריגה, אונז ווייס מיר יא ווי אזוי דער בנין זעהט אויס אויסענווייניג, אבער ווען מען איז אין ישיבה, ווייס מען נישט קיין סאך מער, מען ווייסט נאר דאס.

**עס** קומט בין הזמנים, מען לאזט איבער די ישיבה, מען גייט ארויס אין א פרייע וועלט, אין א טריפה'נע וועלט, די וועלט איז קיינמאל נישט געווען אזוי טריפה, ווי עס איז היינט. עס איז אזוי גרינג אוועקצוגליטשן פונעם ריכטיגן וועג. אויב מען מאכט נישט פאר דעם א סדר פאר זיך אויפן קומענדיגן בין הזמנים, איך גיי אוועק פון ישיבה, וואס גיי איך טון; וואס איז מיין סדר היום מארגן און איבער מארגן; ווען שטיי איך אויף; ווען גיי איך זיך לייגן; ווער וועט זיין מיין חברותא איבערן טאג; ווי וועל איך זיצן איבערן טאג. ווילאנג ער איז נישט מסודר פאר דעם, איז ער עלול ער זאל אוועקפאלן. און ווען ער וועט צוריקקומען דעם קומענדיגן זמן, איז ער נישט די זעלבע ווי ער איז געווען ראש חודש, ער איז אן אנדערער סארט בחור, אין פיר וואכן איז ער מסודר גאנץ אנדערש.

**און** דאס איז די עבודה, ווען עס קומט דער בין הזמנים, דארף מען זיך נעמען אין די הענט, און מסדר זיין ווי גיי איך זיין דעם גאנצן בין הזמנים. עס מוז זיין א סדר אפגעשריבן פאר זיך, ווי אזוי זענען מיינע שעות אויסגעשטעלט. און ווי מען רעדט אייביג, אז **א בחור דארף זיין נאר אין א בית המדרש! נישט קיין חילוק צו דעם בית המדרש אדער יענע בית המדרש, נישט אין די גאס! אפילו ווען ער דארף שמועסן, זאל ער שמועסן אין בית המדרש. נישט זיך דרייען אינדרויסן אין די גאסן. היינט זענען די בתי מדרשים דאס איינציגע שמירה וואס אונז האב מיר.**

**מען** הייבט אן די פרשה פון טהורים, מיט קרבנות. קרבנות ווייזט אויף מסירת נפש. וואס מען טוט מיטן קרבן, וואלט מען געדארפט טון פאר אים, הוא העולה על מוקדה (ויקרא ו-ב), וואס ער טוט מיט די עולה, איז ער דער עולה. אז עס זאל קענען זיין יבואו טהורים ויתעסקו בטהורים, דאס איז מסירת נפש, מען דארף ברענגען קרבנות דערפאר.

**מען זאל נישט מיינען אז עס איז גרינג, עס איז זייער שווער. די וועלט איז מושך, די גאס איז מושך, די היינטיגע כלים זענען מושך, עס איז קיינמאל נישט געווען אזוי שווער פאר א בחור אדורכצוגיין זיינע יונגע יארן מיט א טהרה, אזוי ווי עס איז היינט שווער אדורכצוגיין! מען דארף האבן מסירת נפש דערויף, און ברענגען א קרבן. וויסן, אן מסירת נפש וועט ער נישט צוקומען דערצו! אפילו ווען עס גליסט אים, אפילו ער האט נישט קיין געדולד וכדומה, וויסן אז אין די צייט, ער זאל קענען שטייגן, איז נאר אין א בית המדרש.**

*

**די** תורה הייבט אן די פרשה פון קרבנות, ויקרא אל משה (ויקרא א-א), דער אייבערשטער האט גערופן צו משה רבינו מיט א לשון חיבה, ער האט ליב משה רבינו. וואס איז געווען די חיבה אין משה רבינו, מער ווי גאנץ כלל ישראל? כולם אהובים כולם ברורים כולם גבורים, מען האט פריער געהערט, יעדער יוד איז א דימאנט פאר זיך אליין. מיט וואס איז משה רבינו געווען מער ווי א צווייטער, אז ער איז אויסגעקליבן געווארן מער פונעם גאנצן דור.

**עס** איז געווען א גרויסער חילוק צווישן משה רבינו, מיט גאנץ כלל ישראל. גאנץ כלל ישראל איז געווען אין מצרים, און מען האט שווער געארבעט, ועבדום ועינו אותם ארבע מאות שנה. עס איז געווען אן ערות הארץ, עס איז געווען א געמיין לאנד, אבער מען איז געזעסן מען האט געארבעט, מען איז געווען אריינגעטון אין די מלאכה, תכבד העבודה, און עס האט אפגעהיטן אז יודען זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים א הייליג פאלק. עס איז נישט געווען איינער פון זיי, איינס פון מיליאנען יודען, וואס זאל זיין פרוץ אין א איסור, אזוי שטייט אין מדרש (במדב"ר כ-כב), מען איז געווען ערליך. איין יוד איז געווען וואס ער האט געוואוינט פאר זיך אליין, דאס איז געווען משה רבינו. ער איז געווען א יונג קינד, עס איז א מחלוקת וויפיל יאר ער איז אלט געווען ווען ער האט געדארפט אנטלויפן פון מצרים. פרעה האט אים געוואלט הרג'ענען, עס איז געווען פיקוח נפש, האט ער איבערגעלאזט גאנץ כלל ישראל. איין יוד אליין האט זיך ארומגעדרייט צווישן עובדי עבודה זרה. ער איז אראפ אויף מדין, און ער איז אנגעקומען צו יתרו אין שטוב, וואס יתרו הכיר כל עבודה זרות שבעולם, אלעס האט ער מכיר געווען, און ער האט זיך ארומגעדרייט דארט ביז די אכציג יאר! ער האט נישט געהאט קיין רבי, ער האט נישט געהאט קיין חברים, ער האט נישט געהאט מיט וועם צו רעדן אין לערנען, עס וואלט אים געווען אזוי גרינג זיך אויסצוגליטשן, און אוועקגיין פון דעם וואס די אבות זיינע האבן אים געלערנט.

**מען** זאל זיך פארשטעלן פאר אונז אליין, א בחור'ל זאל פארווארפן ווערן פונעם שטוב, און ער וועט

דארפן זיין אין טשיינ"ע, האנג-קאנג, וואו עס איז נישט דא קיין יודען, און דארט זאל ער דארפן פירן א ערליך לעבן. וויפיל מסירת נפש דאס וואלט געקאסט, אז ער זאל קענען צוריק קומען פון דארט ערליך. און משה רבינו, נישט נאר ער איז געבליבן ערליך, נאר דארט איז ער אויסגעשטיגן א משה רבינו! דאס איז א געוואלדיגע מדריגה. און דאס איז די חיבה וואס דער אייבערשטער האט געהאט צו משה רבינו. די ליבשאפט וואס דער אייבערשטער האט צו א יוד, איז ווען עס קומט אים אן שווער, און ער האט מסירת נפש צו דינען דעם אייבערשטען, ער ווארפט אלעס אוועק, עס וואלט קיינער נישט פארגעהאלטן פאר משה רבינו אויף וואס ער האט געטון, און ער איז געבליבן א משה רבינו.

**יוסף** הצדיק איז אויך געווען די זעלבע. יוסף הצדיק איז אויסגעוואקסן אזוי גרויס און אזוי הויך, די קדושה איז געווען אזוי גרויס. מיט אים איז אויך געווען די זעלבע, ער איז אראפ אויף מצרים, און א עבד האט נישט געקענט אנטלויפן פון מצרים (רש"י שמות יח-ט). ער איז געווען אפגעזיגלט פאר זיך, איך גיי דא בלייבן א עבד מיין גאנץ לעבן. אן א יעקב, אן א ראובן, אן א שמעון, אן קיין חברים. און ער איז געבליבן הייליג מיט זיין קדושה, אזוי ווי יוסף איז געווען. דאס האט א עקסטערע ליבשאפט ביים אייבערשטען.

**ווען א מענטש ברענגט קרבנות, און עס קומט אים אן שווער, און פון דעסטוועגן דאך קוקט ער נישט אויף קיין שום שוועריקייטן, איך בין א יוד, איך וויל זיך פירן ערליך, איך וויל אויסוואקסן א תלמיד חכם, איך גיי נישט אנברענגען קיין צייט, איך גיי נישט קאליע ווערן אינדרויסן פון די גאס, איך האב מיר מיינע גדרים וסייגים, איך זיץ אין א בית המדרש, און איך גיי נישט ארויס פון דארט. מיין בין הזמנים איז א ישיבה, עס איז נאר אן די הנהלה, אבער די ישיבה איז ביי מיר די זעלבע. די שעות וואס איך האב געלערנט אין ישיבה, לערן איך אין בית המדרש יעצט, דעמאלטס וואקסט מען אויס.**

**ויקרא** אל משה, די קריאה וואס דער אייבערשטער האט גערופן צו משה רבינו, א לשון חיבה, האט דאס דער אייבערשטער געשטעלט נעבן די קרבנות, נעבן יבואו טהורים ויתעסקו בטהורים, וויסן אז ווען מען איז גרייט צו לערנען תורה בטהרה, אזוי ווי משה רבינו איז געווען, איז דא א עקסטערע חיבה. **עס שטייט אין די גמרא** (פסחים קיג.), **אז דער אייבערשטער כביכול רופט אויס יעדן טאג, אויף א רווק, אויף א בחור, וואס דרייט זיך ארום אין א גרויסע שטאט, און ער פירט זיך אויף ערליך, טוט דער אייבערשטער רומען זיין נאמען, דער און דער האט זיך ארומגעדרייט אינדרויסן אויף דער גאס, און ער איז אהיימגעקומען פון דארט ערליך.** אונז דארף מיר זיך נישט דרייען אויף די גאסן, אונזער פלאץ איז נישט דארט. מען וועט גארנישט מרויח זיין פון אינדרויסן, נאר זיין אינעם אהלה של תורה, וואס דעמאלטס איז מען מצליח.

*

**עס** איז א זמן פון חלוקת פרסים אויף וואס מען האט געלערנט אינעם פארגאנגענעם יאר. קודם וויל איך ארויסברענגען מיינע הרגשים, אויף דעם יאר אליין, וואס איך זיץ דא אין די ישיבה גדולה מיט די בחורים, דער תענוג רוחני וואס מען האט ווען מען קומט אריין, דער בית המדרש איז פול, און מען לערנט, מען זיצט באהלה של תורה, מען איז זיך מייגע אויף תורה. יעדע וואך די בחינות וואס מען גיט צוריק, ווי שיין מען ענטפערט. עס איז באמת א געוואלדיגער תענוג.

**זומער** קומט מיך אויס צו זיין צוזאמען מיט די ישיבה קטנה, וואס איך זעה פון דער נאנט דער פלאג וואס זיי לייגן אריין, אלע שעות פונעם טאג איז אנגעפולט די בית המדרש, סיי די ישיבה קטנה און סיי די ישיבה גדולה, מען זיצט און מען חזר'ט די מסכתא. עס איז א געוואלדיגע שמחה, אז מען האלט ביי א סיום, בחורים האבן זיך פארהערט די מסכתא, און זיי באקומען זייער פרס אויף די וועלט, א קליינער פרס, אבער והקרן קיימת לו לעולם הבא, דאס איז נאר די פירות פון ווייטער.

**און** ווי מען האט פריער ארויסגעברענגט, יעדער בחור קען זיך צו דעם צושטעלן! עס איז נישט דא קיין סיבה פארוואס א בחור זאל זאגן, איך בין נישט דער וואס קען זיך פארהערן די גאנצע מסכתא. מען רעדט נישט פון זיך פארהערן גאנץ ש"ס, מען רעדט פון נישט מער ווי איין מסכתא, וואס מען האט געלערנט, און מען האט זיך געפלאגט דערויף א גאנצע וואך. עס איז נישט מער ווי א בלאט, צוויי בלאט, וואס מען לערנט אפ אין די וואך, שיעור עיון

און שיעור פשוט, אז ער זאל קענען די צוויי בלאט ישר והפוך, וואס מען האט געלערנט. עס איז נאר אסאך מאל וואס מען לאזט נאך. עס וועט זיין גוט אזוי אויך. עס איז נישט גוט אזוי! **ווען דער קאפ איז אנגעפילט מיט תורה דעמאלטס ווייסט מען אז מען פירט זיך ערליך, אבער אז עס פעלט, דער קאפ ליגט נישט אין תורה, פעלט אין ערליכקייט פון א יוד.**

**עס** איז א געוואלדיגע חשיבות פאר די אלע וואס באקומען א פרס, ווייל זיי האבן זיך פארהערט וואס מען האט געלערנט. עס איז נישט נאר די מסכתא, דאס גיט דעם חשק און דעם כח, אז מען קען איין מסכתא, וועט מען קענען די צווייטע מסכתא.

*

**דאס** איז אלץ אויפן עבר, איך וויל אבער רעדן פונעם עתיד, אויף להבא, פונעם הוה וואס אונז שטיי מיר יעצט. די ישיבה גדולה האט געלערנט מסכת כתובות. איך מיין אז מען האט אפגעלערנט אינעם זמן ארום זעכציג בלאט בערך. די ישיבה קטנה האט געלערנט מסכת גיטין, האט מען אויך אפגעלערנט כמעט די האלבע מסכתא. די בחורים פון ישיבה קטנה איז דא א גרויס חלק וואס זיי האבן געלערנט כתובות אויך, זיי האלטן מיט 'ובהם נהגה'. עס קומט בין הזמנים, חזרה הייבט זיך נישט אן סוף זמן, און נישט אינמיטן זומער. חזרה דארף זיך אנהייבן ווען מען ענדיגט א זמן, מען האט פיר וואכן וואס מען לערנט נישט קיין נייע לימודים אלץ ישיבה אויס, און עס איז דא צייט אז א בחור זאל קענען איבער'חזר'ן אלעס וואס ער האט געלערנט אין דעם זמן. וואס מען האט געלערנט אין פינף חדשים, קען א בחור איבערגיין אין איין חודש.

**די** בחורים פון ישיבה גדולה, מען האט געלערנט מסכת כתובות. מען זאל אנהייבן ראש חודש, ביזן קומענדיגן זמן, איבער'חזר'ן יעדן טאג צוויי בלאט פון מסכת כתובות. ביים סוף בין הזמנים, האט ער איבערגע'חזר'ט זיין גאנצע לימוד וואס ער האט געלערנט. א בחור פון ישיבה קטנה זאל נעמען אויף זיך, איך וויל ענדיגן יעדן טאג צוויי בלאט פון וואס מען האט געלערנט. וואס מען האט געלערנט מיט תוספות, איבער'חזר'ן מיט די תוספות, און וואס מען האט געלערענט אן תוספות, זאל ער איבערחזר'ן אן תוספות. אבער איך וויל קענען די מסכתא, איך וויל אז סוף יאר זאל איך זיין פון די וואס וועלן באקומען די פרסים אויף האבן געענדיגט די גאנצע מסכתא.

**איך** האב אמאל געהערט פונעם **צעהלימער רב זצ"ל** וואס ער האט געזאגט אין א דרשה, דרשו ה' ועוזו (תהלים קה-ד). זאגט ער, דרשו ה', פארשטס דעם אייבערשטען, ועוזו, עס איז נישט אזוי שווער, עס איז איז"י, עס איז גרינג, עס איז נישט אזוי שווער. מען האט געלערנט, און מען קען עס גרינג איבער'חזר'ן, איך האב די האלבע מסכתא, און איך וועל קענען די גאנצע.

**עס איז דא אן אופן וואס מען חזר'ט איבער, צו ענטפערן אויף די שאלות וואס מען פרעגט. עפעס חזר'ט זיך איבער אין קאפ, עפעס געדענקט מען דאך, עפעס געדענקט מען האלב. - דאס איז נישט די ריכטיגע חזרה. חזרה איז דער טייטש, מען לערנט אפ א בלאט גמרא, דארף מען נאכדעם קענען איבערגיין די בלאט גמרא פאר זיך אין קאפ. וואס איז געשטאנען אין די משנה, וואס האט די גמרא געפרעגט, וואס האט די גמרא געענטפערט, צוויי תירוצים, וואס האט די גמרא געפרעגט א קשיא פון א ברייתא.** דעמאלטס קען ער טראכטן אין תורה ווי ער איז. ווען ער גייט אויף די גאס, ליגט אים זיין קאפ אין תורה, איבערצו'חזר'ן איין בלאט נאכן אנדערן בלאט, און אזוי ווערט מען א תלמיד חכם.

**די** תלמידי חכמים וואס אונז האב מיר געקענט פונעם פריער'דיגן דור, האבן געקענט אפזאגן בלעטער גמרא, איינס נאך דאס אנדערע! איך רעד שוין נישט אז זיי האבן געקענט אנצייכענען אין וועלכע שורה עס שטייט וכדומה. צו דער תוספות איז אויבן, צו דער תוספות איז אונטען. אבער על כל פנים געדענקן וואס מען האט געלערנט. מען דארף אנהייבן צו חזר'ן אויף דעם וועג, איך זאל קענען איבערגיין בלאט נאך בלאט. און דעמאלטס איז חפץ ה' יצליח, דעמאלטס איז מען מצליח. אז מען נוצט אויס דעם בין הזמנים, האט מען אריינגענומען א אוצר, אלעס וואס מען האט געלערנט אין משך פונעם יאר.

*

**דער** אייבערשטער האט מזמין געווען, אז עס קומט צוזאמען מיט א שבע ברכות פון אזא חשוב'ער חתן, ער האט אויסגענוצט זיינע יארן ביז יעצט אויף צו

שטייגן אין תורה, מען האט אים אהערגעברענגט, צו ווייזן א 'סעמפל' וואס מען קען אויסוואקסן...! ווען מען פארקויפט סחורה, דארף מען ווייזן א 'סעמפל' וואס עס איז. יא, דאס איז א בחור וואס האט אזוי געטון. ער האט געלערנט פלייסיג, איבערגע'חזר'ט שטענדיג וואס ער האט געלערנט, קען מסכתות, קען שלחן ערוך און אזוי ווייטער. כזה ראה וקדש! קוק עס אן, קענסט נאכמאכן די זעלבע. אי"ה בקרוב קענט עטץ אויך זיצן אויבן-אן מיט אזא גדולה פון תורה. יעדער איינער קען זוכה זיין דערצו, תורה איז הפקר, און יעדער קען זוכה זיין דערצו.

**איך** וויל מסיים זיין, מיט די חשוב'ע ווערטער פונעם גאלאנטער רבין זאל זיין געזונט, געדענקען איין מצוה וואס אונז האב מיר בשעת מען גייט ארויס פון בית המדרש, ואהבת את ה' אלקיך (דברים ו-ה), אהבהו על הבריות (יומא פו.), מען דארף זיך אזוי אויפפירן, באליבט מאכן דעם אייבערשטען'ס נאמען אויף מענטשן. און דאס איז א יוד מקיים אויב ער פירט זיך אויף ווי עס דארף צו זיין, פון ווען ער שטייט אויף, און ער גייט ארויס פון שטוב, ביז ער קומט אהיים. וואו ער גייט, און וואו ער שטייט, דארף ער געדענקען אז איך האב אויף מיר א פליכט צו ווייזן ווי אזוי א בן תורה זעהט אויס, אז עס זאל באליבט ווערן דעם אייבערשטען'ס נאמען. ווי אזוי מען רעדט, משאו ומתנו עם הבריות דארף זיין באמונה, דיבורו דארף זיין בנחת עם הבריות. נישט ווילד, מען לויפט נישט, מען שפרינגט נישט. ווען מען רעדט צו יענעם רעדט מען נארמאל. מען קומט צום דאווענען באצייטנס, און מען שטייט אויף איין פלאץ, און מען דאווענט.

**זאל** דער אייבערשטער העלפן, חפץ ה' יצליח, מען זאל קענען ווייטער וואקסן אין תורה און יראת שמים, און די עלטערן זאלן זעהן ביי ענק אסאך נחת. פאר די חשובע מגידי שיעור, קומט זיך א געוואלדיגע קרעדי"ט פאר די ארבעט וואס זיי לייגן אריין אין די בחורים. יעדער בחור פאר זיך אליין, איז מחויב א געוואלדיגן הכרת הטוב פאר די משפיעים, וואס טוען אים אויפהייבן צו תורה און יראת שמים.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אין אלע שטובער זאל זיין שמחות און נחת, מען זאל זיך קענען פרייען. עס קומט דאך א יום טוב פון פסח, מען זאל זיך קענען דערהייבן צו דעם יום טוב, און קענען מקבל זיין די אורות פונעם יום טוב. דער אייבערשטער זאל געבן, מען זאל זוכה זיין אינאיינעם, כימי צאתינו ממצרים אראנו נפלאות, מסמיך זיין גאולה לגאולה, מען זאל זוכה זיין אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

## דברי תורה שנאמרו בסעודה שלישית

פרשת ויקרא תשפ"ג לפ"ק

**די** תורה האט געגעבן די פרשה פון קרבנות. דער ענין פון קרבנות איז סודות וואס אונז פארשטיי מיר נישט וואס דאס איז. עס איז איינע פון די עמודי עולם, על שלשה דברים העולם עומד, על התורה ועל העבודה ועל גמילות חסדים (אבות א-ב). עבודה איז טייטש עבודת הקרבנות. אבער אין יעדע מצוה ליגט אויך דברים כפשוטם, וואס א מענטש דארף זיך לערנען דערפון, און פארשטיין לפי שכלו אין די מצוות פון די תורה.

**דער רמב"ן** (ויקרא א-ט) שרייבט אויף דעם ענין פון קרבנות, וואס א מענטש ברענגט א קרבן פארן אייבערשטען, אז דער טעם דערפון איז. ווען א מענטש האט געזינדיגט פארן באשעפער, און ער וויל זיך מתרצה זיין, און ער ברענגט א קרבן, דארף ער מעלה זיין בלבו, אז עס וואלט זיך געקומען מען זאל טון מיט אים, אלעס וואס מען טוט מיט דעם קרבן. מען האט גענומען די בהמה און מען האט עס גע'שחט'ן, עס וואלט געקומען פאר אים, אז מען זאל אים אוועקנעמען פון די וועלט. מען נעמט נאכדעם די בהמה, א עולה, און מען לייגט עס אויפן פייער און מען פארברענט עס, עס וואלט געקומען פאר אים אז מען זאל אים פארברענען. ער דארף זיך פארשטעלן, אז וואס מען טוט מיט די בהמה, דאס וואלט מען געדארפט טון מיט אים. דאס איז די מחשבה וואס ער דארף האבן ביי א קרבן.

**און** ער גייט ווייטער, יעדע עבירה וואס א מענטש טוט, איז קודם במחשבה, און נאכדעם קומט עס בדיבור, און נאכדעם קומט עס במעשה. די זעלבע האט מען געדארפט האבן אלע דריי זאכן בשעת מען האט געברענגט א קרבן. וסמך ידו על ראש העולה (ויקרא א-ד), קעגן די מעשה, האט ער ארויפגעלייגט די האנט אויף די בהמה. אקעגן דיבור, האט ער זיך מתוודה געווען אויפן קרבן. די קרב וכליות דאס איז דאך די חלק המחשבה, כליות יועצות (שבת לג:), האט מען עס ארויפגעלייגט נאכדעם אויפן מזבח פאר אן עולה. צו ווייזן, אז דער מענטש דארף האבן א כפרה אויף זיין מחשבה דיבור ומעשה וואס ער האט געזינדיגט. דער קרבן דארף זיין די מוסטער פאר אים, וואס עס וואלט זיך פאר אים געקומען. אויב ער איז נישט מכוון די כוונה, ער ברענגט נאר סתם א קרבן, ער האט גע'שחט'ן די בהמה, און ער גייט ווייטער, פעלט פון די חשיבות פון די הקרבת הקרבן, ער האט נישט אראפגעלערנט פון דעם קרבן, וואס מען דארף אראפצולערנען.

**אין** די מפרשים שטייט, די קומענדיגע פרשה הייבט זיך אן, זאת תורת העולה, הוא העולה על מוקדה על המזבח (ויקרא ו-ב), אז דא ליגט די ווערטער פונעם רמב"ן. 'זאת תורת העולה', וואס דארף מען זיך אראפלערנען, ווען דו ברענגסט אן עולה. וואס איז די תורת העולה, וואס דארף דיך דאס לערנען? 'הוא העולה', אז דו אליין וואלסט געדארפט זיין די עולה. פאר דיר קומט זיך צו זיין על מוקדה על המזבח. דער באשעפער האט נאר חס געווען אויף דיר, און ער האט נישט צוגענומען דיין לעבן. דו ברענגסט א בהמה, אבער דיין כוונה, די תורה וואס דו דארפסט זיך אפלערנען פון אן עולה איז, הוא העולה, אז דער מענטש וואלט געדארפט צו זיין די עולה.

*

**מען** קען צוגעבן צו דעם אביסל מער. עס איז נישט נאר נוגע ווען א מענטש האט געזינדיגט, און ער ברענגט א קרבן, עס איז געקומען אז מען זאל אים אוועקנעמען פון די וועלט, און ער ברענגט א קרבן כדי אים צו דערמאנען. עס איז דא א מצוה אין די תורה, אונז זאגן מיר יעדן טאג ווען מען לייענט קריאת שמע, ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאודך (דברים ו-ה), א יוד דארף ליב האבן דעם אייבערשטען מיטן גאנצן הארץ, אפילו נוטל את נפשך, עס איז דא מצוות וואס ער איז מחויב אוועקצוגעבן זיין לעבן, כדי ער זאל נישט עובר זיין אויף די מצוה פונעם אייבערשטען. דער באשעפער האט געהייסן מען טאר עס נישט טון, און ער האט א נסיון דערויף, מען וועט אים הרג'נען, איז ער מחויב אוועקצוגעבן זיין נפש. דאס איז מען נאר מחויב ביי געציילטע מצוות. ובכל מאודך, א מענטש איז מחויב אוועקצוגעבן זיין גאנצע געלט, כדי ער זאל נישט עובר זיין אויף א מצוה אין די תורה. און ביי דעם זענען אלע מצוות גלייך. עס איז דא חילוקים, וויפיל מען איז מחויב אוועקצוגעבן, א עשה צו א לא תעשה, אבער עס איז דא א מצוה. דאס איז טייטש, אז מען האט ליב דעם אייבערשטען, אז ער גיט אוועק אלעס וואס ער האט, פארן באשעפער.

**און** אז מען גיט אוועק כל לבבך וכל נפשך וכל מאודך, געלט, און זיך אליין, איז דאך א כל שכן אז ווען עס קומט צו א תאוה וכדומה, אנדערע זאכן וואס עס גליסט אים צו טון עפעס, איז דאך אוודאי אז ער איז מחויב אלעס אוועקצוגעבן פארן אייבערשטען, און עומד זיין בנסיון, אלץ אהבת ה', ואהבת את ה' אלקיך.

**דער** הייליגער **רבי ר' אלימלך** שרייבט אין **צעטיל קטן** (אות ו'), אפילו עס קומט נישט אויס בפועל אז מען זאל דארפן מקיים זיין די מצוה פון מסירת נפש, אבער ווען א יוד טראכט נאר דערפון, איז ער מקיים די מצוה פון ונקדשתי בתוך בני ישראל (ויקרא כב-לב). און ער זאגט, ווען א מענטש האט פרייע צייט, ער ליגט אין בעט, און ער איז נישט עוסק אין קיין מצוות, און ער טראכט אז אויב עס וועט זיין א נסיון, בין איך גרייט זיך אריינצוווארפן אין פייער פארן אייבערשטען, מיט די מחשבה אליין איז ער מקיים די מצוה פון ונקדשתי בתוך בני ישראל. א יוד דארף שטענדיג לעבן מיט דעם, אז א מענטש איז מחויב אוועקצוגעבן פון זיך פארן אייבערשטען. דאס איז דער אהבת ה'. דו האסט ליב יענעם, קאסט עס עפעס! אמאל דארף עס קאסטן נפש, אמאל קאסט עס ממון, און אמאל קאסט עס אן אנדערע באקוועמליכקייט, אבער דאס איז די מצוה פון ואהבת את ה' אלקיך.

**און** אז אדם נפעל לפי פעולותיו (חינוך מצוה טז), א מענטש ווערט נפעל לויט זיינע פעולות, איז ווען ער ברענגט א קרבן, און ער שחט עס פארן אייבערשטען, דערמאנט עס דעם מענטש, הוא

העולה, עס איז דא צייטן וואס דו אליין דארפסט אויך זיין אן עולה, וואס דו דארפסט דיך לאזן הרג'נען פארן אייבערשטען. דורכדעם וואס ער ברענגט דעם קרבן נאכאמאל און נאכאמאל, ווערט א מענטש נפעל לויט זיינע פעולות, איז יעדע מאל וואס ער איז מקריב א קרבן, לערנט עס אים אויס, אז הוא העולה, אז עס איז דא צייטן וואס א מענטש דארף אליין זיין א קרבן פארן אייבערשטען.

**דאס** איז אויסער די סודות וואס איז דא אין די מצוה פון קרבנות, וואס דער הייליגער רמב"ן ברענגט ארויס אז א בעל חוטא דארף זיך מתבונן זיין, אז עס וואלט זיך געקומען פאר אים צו טון וואס מען טוט מיט די עולה. אפילו ער איז נישט א בעל חוטא, ביי יעדן מענטש איז דא די נקודה, וואס א יוד איז זיך מחויב מוסר נפש זיין פארן אייבערשטען, לערנט מען אים אויס, פון וואס ער ברענגט א קרבן נאכאמאל און נאכאמאל, איז ער נפעל לפי פעולותיו, אז עס איז דא צייטן וואס א מענטש איז מחויב אוועקצוגעבן זיין לעבן פארן אייבערשטען.

**דאס** האט די תורה מרמז געווען. ווען די תורה הייבט אן די פרשה פון קרבנות, זאגט די תורה, אויסער די קרבנות פאר זיך וואס איז א העכערער ענין, אבער עס איז דא א זאך וואס איז נוגע פאר דיר אויך, אז דו זאלסט זיך אראפלערנען פון דעם, אז עס איז דא צייטן וואס דו דארפסט דיך אליין ברענגען פאר א קרבן פארן באשעפער. אמאל קאסט עס לעבן, אמאל קאסט עס געלט, און אמאל קאסט עס אנדערע באקוועמליכקייטן וואס א מענטש דארף אוועקגעבן פארן אייבערשטען. דו זאלסט דיך אראפלערנען פון דעם וואס מען נעמט אוועק דאס לעבן פון דעם קרבן, אז אזוי דארפסטו זיך אויך אויפפירן. עס איז דא צייטן וואס דער מענטש דארף האבן מסירת נפש פארן אייבערשטען.

**האט** די תורה געגעבן אן הקדמה, און די תורה האט געזאגט (ויקרא א-ב), דבר אל בני ישראל ואמרת אליהם, זאג פאר די יודען, אדם כי יקריב מכם קרבן לה', ווען א מענטש וויל צוקומען צו די מדריגה, ער זאל קענען פון זיך מקריב זיין א קרבן פארן אייבערשטען. עס איז דא צייטן וואס דו דארפסט פון דיר ברענגען א קרבן, דו ביסט מחויב אוועקצוגעבן בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאודך. פון וואו וועסטו קענען צוקומען דערצו, אז דו זאלסט עס קענען מקיים זיין. מן הבהמה מן הבקר ומן הצאן, דו וועסט ברענגען קרבנות, תקריבו את קרבנכם, פון דעם וועסטו מקריב זיין דיינע קרבנות. ווייל א מענטש ווערט נפעל לפי פעולותיו, פון ברענגען די קרבנות איז ער זיך מתבונן, אז ער גיט אוועק דעם לעבן פון די בהמה פארן אייבערשטען, דארף ער אויך אוועקגעבן זיין לעבן פארן אייבערשטען.

**מען** געפונט ביי דעם הייליגן תנא רבי עקיבא (ברכות סא.), שהיו סורקין את בשרו במסרקאות של ברזל, און די תלמידים האבן אים געפרעגט, עד כאן. האט ער געזאגט, כל ימי הייתי מצטער על פסוק זה, ובכל נפשך, אפילו נוטל את נפשך, עכשיו שבא לידי לא אקיימנו, ער האט עס מקיים געווען מיט אזא שמחה. ווייל א מענטש איז נפעל לפי פעולותיו, אז ער ליגט אין דעם, און ער טראכט פון דעם שטענדיג, אז ער איז גרייט אויף מסירת נפש פארן אייבערשטען, ווען עס קומט למעשה, איז עס נישט שווער. און עס קען זיין סורקין את בשרו במסרקאות של ברזל, און ער קען עס אדורכגיין.

**האט** די תורה געזאגט א הקדמה פאר קרבנות, דו קענסט האבן א תועלת פון א קרבן, אז דו וועסט קענען צוקומען אז 'אדם כי יקריב מכם קרבן לה', אז דו זאלסט פון דיר קענען ברענגען א קרבן פארן אייבערשטען. 'מן הבהמה מן הבקר ומן הצאן', פון דעם וואס דו וועסט ברענגען קרבנות פארן אייבערשטען, וועסטו צוקומען 'תקריבו את קרבנכם', צו פארשטיין אז מען דארף זיך אויך ברענגען א קרבן פארן באשעפער.

*

**דאס** איז גוט פאר סתם מענטשן, אבער משה רבינו דארף נישט ברענגען קיין קרבנות כדי ער זאל זיך אפלערנען דערפון, אז מען דארף זיך אוועקגעבן פארן אייבערשטען. משה רבינו איז געווען א איש האלקים (דברים לג-א), משה רבינו איז געווען געטליך, זיין לעבן האט נישט געשפילט ביי אים קיין ראלע, אז עס איז אפילו נישט געווען ביי אים קיין שוועריקייט. אזוי ווי מען געפונט ביי רבי עקיבא וואס ער האט געזאגט, אז עס איז אים נישט שווער אוועקצוגעבן זיין לעבן פארן אייבערשטען, קען מען דאך פארשטיין א כל שכן ביי משה רבינו. משה רבינו דארף נישט האבן די הקדמה וואס דער

אייבערשטער זאגט, אז כדי דו זאלסט קענען צוקומען צו אדם כי יקריב מכם קרבן, זאלסטו זיך אראפלערנען מן הבהמה מן הבקר מן הצאן, דאס איז נישט נוגע פאר משה רבינו. משה רבינו דארף נישט האבן ער זאל נפעל ווערן לפי פעולותיו, אז די קרבנות זאלן אים ברענגען דערצו, משה רבינו איז א איש האלקים אזוי אויך. - אבער אזוי ווי דאס גיט ער דאך איבער פאר יודען, דבר אל בני ישראל, בני ישראל דארפן טון פעולות אריינצוברענגען אין זיך מסירת נפש.

**וידבר** ה' אליו מאהל מועד לאמור, צא ואמור להם דברי כבושין, מיט די ווערטער וואס דו זאגסט פאר יודען, אז קרבנות איז צוצוברענגען דעם מענטש ער זאל זיך אויסלערנען דערפון אליין צו זיין א קרבן, דאס איז נאר בשבילכם הוא נדבר עמי, דאס איז נאר דבר אל בני ישראל, דאס איז נאר פאר ענק, אבער משה רבינו דארף נישט האבן די הקדמה פון אדם כי יקריב מכם קרבן, ער זאל זיך אפלערנען מן הבהמה מן הבקר מן הצאן תקריבו את קרבנכם. משה רבינו איז א איש האלקים, פאר אים דארף נישט זיין א לימוד דערויף פון די קרבנות. נאר דבר אל בני ישראל, זיי זענען דאך נישט אין די מדריגה. - און דאס איז דברי כיבושין, עטץ זענטס נישט אין די מדריגה אז מען זאל לעבן מיט מסירת נפש, עטץ דארפטס נאך טון פעולות דערצו, מן הבהמה מן הבקר מן הצאן תקריבו את קרבנכם, עטץ דארפטס ברענגען די קרבנות.

*

**דוד** המלך זאגט (תהלים נ-כג), זובח תודה יכבדנני, ושם דרך אראנו בישע אלקים. דער פסוק גייט ארויף אויף קרבנות, און ווי די מפרשים טייטשן אויפן פלאץ, אז עס מיינט נישט נאר א קרבן תודה, נאר ביי יעדן קרבן איז זיך א מענטש מתוודה פארן אייבערשטען. זובח תודה, ווען דו ברענגסט א זבח, זאל עס זיין מיט א ווידוי, ברענג א קרבן פארן אייבערשטען, ושם דרך אראנו בישע אלקים.

**עס** קען זיין, ווען א מענטש גייט אוועק פון די וועלט, ווערט עס אנגערופן 'דרך'. מען געפונט ביי דוד המלך (מלכים א ב-א), אנכי הולך בדרך כל הארץ. און דאס דארף זיין די כוונה בשעת ער ברענגט א קרבן פארן אייבערשטען, אז וואס מען האט געטון פאר דעם קרבן, וואלט מען געדארפט טון פאר מיר. איך וואלט געדארפט אוועקגיין פון די וועלט, נאר דער אייבערשטער האט חס געווען, און אנשטאט דעם ברענגט ער א קרבן. וואס 'דרך' ווייזט אויף דעם וואס א מענטש לאזט איבער בדרך כל הארץ. 'שם', ווערט אנגערופן א זאך וואס מען לייגט אראפ באהאלטענערהייט. ושמו אצל המזבח (ויקרא ו-ג) דרשנ'ט די גמרא (כריתות ו.), מלמד שטעונין גניזה. 'ושמו' איז טייטש אז מען האט עס אוועקגעלייגט אויף אזא פלאץ וואס איז גנוז. 'שימה' דאס איז א לשון פון גניזה.

**זאגט** דער פסוק, דער אייבערשטער זאגט, זובח תודה, ווען א מענטש ברענגט א קרבן, יכבדנני, איז ער מיך מכבד. אבער ווען איז ער מיך מכבד, ווען 'ושם' דארט אינעווייניג איז באהאלטן, דער 'דרך', אז ער לערנט זיך פון דעם אראפ, אז וואס מען טוט מיט די בהמה, וואלט געדארפט זיין מיט מיר. ער זאל זיך אראפלערנען פון דארט דאס מסירת נפש וואס עס פעלט אויס, זיך אוועקצוגעבן פארן אייבערשטען. ושם דרך, דאס וואס איז אינעווייניג אין דעם קרבן, דאס וואס עס איז באהאלטן אינעווייניג די כוונה פון 'דרך', אראנו בישע אלקים.

* * *

**די** תורה הייבט אן די פרשה פון קרבן מנחה (ויקרא ב-א), 'ונפש' כי תקריב קרבן מנחה לה', זאגט די גמרא (מנחות קד:), ווען א עני ברענגט א קרבן מנחה, מעלה אני עליו כאילו הקריב את נפשו, ווי ער וואלט זיך אליין מקריב געווען פארן אייבערשטען. לויט ווי מען האט פריער גערעדט, קען זיין דער פשט דערפון. דער לימוד מסירת נפש וואס מען דארף זיך אראפלערנען פון א קרבן, איז שייך ווען א מענטש ברענגט א בהמה, ער ברענגט א עוף, וואס האט אין זיך א רוח חיים, עס האט אין זיך לעבן, און ער שחט עס פארן אייבערשטען, לערנט עס אים אויס די מדה פון מסירת נפש, אז מען דארף זיך לאזן שחט'ן פארן אייבערשטען. אבער ווען ער ברענגט א מנחה, וואס א מנחה האט דאך נישט אין זיך קיין לעבן, א מנחה איז דאך נאר סולת, מען ברענגט מעהל און שמן, וואס עס פעלט אויס צו א מנחה, פעלט דאך לכאורה דער גאנצער ענין וואס מען האט געזאגט, אז א קרבן ברענגט זיך אויסצולערנען מסירת נפש. עס איז נישט דא דער אדם כי יקריב מכם קרבן, עס זאל אים צוברענגען דערצו, אז ער זאל זיך אראפלערנען פון זיין קרבן וואס ער ברענגט, אז ער

דארף 'זיך' ברענגען פאר א קרבן. דער עני ברענגט דאך נאר א מנחה, וואס אין א מנחה איז דאך נישט דא קיין לעבן, ווענסטו דאך מיינען אז ביי אים פעלט דער 'כאילו הקריב את נפשו', זאגט די תורה, ניין. דער עני וואס האט מקבל געווען גזירת אלקים, וואס דער אייבערשטער האט אים געמאכט פאר א עני, און ער האט נישט צו עסן און צו טרינקען ווי ער דארף, און פון דעסטוועגן דאך איז ער זיך נישט מתרעם אויפן אייבערשטען. דער חלבי ודמי הנמעט בצומי, איז ביי אים טאג טעגליך אין זיין לעבן, ער איז אליין דער קרבן פארן אייבערשטען! אים איז נישט וויכטיג ער זאל ברענגען א בהמה, און פון דעם זאל ער זיך אראפלערנען צו האבן מסירת נפש, און מקבל זיין די ווערטער פונעם אייבערשטען. ער לעבט מיט דעם, ער איז אן עני, און ער האט נישט, עס איז כאילו הקריב את נפשו. זאגט די תורה, ווער ברענגט א מנחה? א עני. דעם עני פעלט נישט אויס אז ער זאל זיך אראפלערנען דעם ענין פון מסירת נפש פון א קרבן, ווייל מי דרכו להביא מנחה, א עני, און ביי עני איז כאילו הקריב את נפשו, ביי אים איז שטענדיג דא דער ונפש כי תקריב. אן אנדערער דארף ברענגען א בהמה זיך אויסצולערנען נפש כי תקריב, אבער דער עני דארף נישט ברענגען קיין בהמה, ער קען ברענגען א מנחה, און דאס איז חשוב ביים אייבערשטען כאילו הקריב את נפשו.

*

**מען** זעהט אז א מנחה איז געווען אן עשירית האיפה, דאס איז דער מינימום שיעור מעהל וואס מען האט געברענגט. ביז ששים עשרונים קען מען ברענגען אין איין כלי, אבער עשירית האיפה דאס איז דער קלענסטער שיעור. עשירית האיפה זאגט די גמרא (עירובין פג:), אז עס האט אין זיך דריי און פערציג אייער, מיט א חומש ביצה, דאס איז די שיעור פון חלה, א פאר פונט מעהל וואס ער האט געדארפט צו ברענגען. קומט אויס, אז דער עני האט געדארפט האבן די שיעור פון פיר און פערציג אייער, כדי ער זאל קענען ברענגען זיין מנחה, ער דארף דאך האבן דעם שיעור פון דריי און פערציג מיט א חומש, דאס איז אויך דער מספר פון ד"ם. ער ברענגט טאקע נישט קיין 'דם' וואס ער גיט אוועק פארן אייבערשטען, אבער אין זיין מנחה וואס ער ברענגט, ליגט אינעווייניג ד"ם, ער גיט אוועק זיין נפש וואס ליגט אינעווייניג. ער ברענגט א עשרון וואס איז מ"ג ביצים וחומש ביצה, כדי עס זאל זיין דער רמז דערפון, אז נפש כי תקריב, אז ער איז מקריב זיין נפש.

*

**און** דער מדרש (ויק"ר ג-א) ברענגט דעם פסוק (קהלת ד-ו) טוב מלא כף נחת, ממלא חפנים עמל ורעות רוח. זאגט דער מדרש, אז עס איז חשוב פארן אייבערשטען דאס קליין ביסל קומץ וואס מען איז מקריב אויפן מזבח, וואס עס שטייט ביי דעם (ויקרא ט-יז) וימלא 'כפו' ממנה, מער פון קטורת וואס מען האט מקריב געווען מלא חפניו (ויקרא טז-יב). שזה טעון כפרה, קטורת קומט לכפרה, וזו אינה טעונה כפרה, א מנחה קומט לנדבה.

**קטורת** דאס איז פון די חשוב'סטע זאכן וואס איז דא אין בית המקדש. עס איז געווען א גאנצער מזבח, דער מזבח הפנימי, וואס מען האט נישט געברענגט קיין שום קרבן דערויף, נאר א מזבח דירעקט פאר קטורת. יעדער ווייסט דעם **זוהר הק'** (ח"א ק:) אז אפילו נאר די אמירת הקטורת ווי חשוב דאס איז. איז דאך לכאורה קטורת די חשוב'סטע עבודה וואס מען האט געקענט טון אין משכן.

**די** גמרא (יומא כו.) זאגט, אז קטורת האט געהאט אין זיך נאך א מעלה, קטורת מעשרת, דער וואס האט מקטיר געווען די קטורת, איז געווארן אן עושר. וועגן דעם מעולם לא שנה אדם בה, מען האט נישט געלאזט איין כהן זאל צוויי מאל טון די עבודה, ווייל מען האט געוואלט מזכה זיין יעדן כהן זאל קענען צוקומען דערצו. חדשים לקטורת בואו והפיסו, ווען מען האט געווארפן דעם גורל, האט מען אלץ געריפן חדשים, דער וואס האט נאכנישט מקריב געווען ביז יעצט קיין קטורת, דער זאל זיך אריינשטעלן צו דעם גורל. איינער וואס האט שוין איינמאל מקריב געווען, איז נישט געווען אינעם פייס, ווייל קטורת איז מעשרת.

**פרעגט** די גמרא, פון וואו ווייס איך אז קטורת איז מעשרת? זאגט די גמרא, אזוי שטייט אין פסוק (דברים לג-י), ישימו קטורה באפך, וכליל על מזבחך, ברך ה' חילו. דער וואס ישימו קטורה באפך, דער וואס לייגט די קטורת, ברך ה' חילו, וועט דער אייבערשטער בענטשן זיין פארמעגן. פרעגט די גמרא, אי הכי עולה נמי, אז ער ברענגט אן עולה, זאל ער זוכה זיין צו עשירות, ווייל עס שטייט נאכדעם,

ישימו קטורה באפך, וכליל על מזבחך. פארוואס ביי עולה האט מען נישט געווארפן עקסטער א גורל, מען זאל נישט לאזן איבערמאכן דער וואס האט שוין געהאט.

**זאגט** די גמרא, עולה שכיחא, קטורת לא שכיחא. זאגט רש"י פשט, עולה קען דאך יעדער ברענגען אן עולה, און עס איז נישט מסתבר אז די ברכה פון עשירות זאל ארויפגיין אויף עולה, ווייל דעמאלטס קען דאך יעדער ווערן אן עושר, ער וועט ברענגען אן עולה. איז מסתבר אז די ברכה גייט נאר ארויף אויף קטורת, קטורת איז לא שכיחא, נישט יעדער קען ברענגען קטורת, א יחיד קען נישט ברענגען קיין קטורת, און עס איז נאר דא צוויי מאל אין טאג וואס מען איז מקריב די קטורת, צוויי יודען א טאג קענען ווערן עשירים, אבער אז יעדער וועט ברענגען אן עולה, איז נישט שייך צו זאגן אז עס וועט ברענגען עשירות, איז ממילא די ברכה פון ברך ה' חילו גייט נישט ארויף אויף כליל על מזבחך, עס גייט נאר ארויף אויף ישימו קטורה באפיך.

**עס** דארף אבער האבן א ביאור, פארוואס האט די תורה געשריבן קודם קטורת, און נאכדעם האט די תורה געשריבן עולה, און נאכדעם שרייבט ער ברך ה' חילו. די תורה וואלט געדארפט אויסדרייען, קודם שרייבן אז די לוים ברענגען כליל על מזבחך, זיי ברענגען קרבנות, און דאס האט נישט קיין ברכה פון ברך ה' חילו. און נאכדעם ישימו קטורה באפיך, די וואס ברענגען קטורת, איז ברך ה' חילו. פארוואס האט ער מפסיק געווען אינדערמיט ישימו קטורה באפך, וכליל על מזבחך, און נאכדעם שרייבט ער ברך ה' חילו.

**עס** קען זיין, די חשיבות פון יעדע מצוה וואס א יוד טוט, איז נאר ווען ער טוט עס בלתי לה' לבדו, ער טוט עס ווייל דער אייבערשטער האט געהייסן, שאמר ונעשה רצונו. אן קיין שום זייטיגע פניות, אז ער האט עפעס געטון, און ער האט עפעס באקומען פון די מצוה וואס ער האט געטון. ביים אייבערשטען איז חשוב נאר א זאך וואס א מענטש האט געטון כולו לשם שמים, ער האט עס געטון ווייל דער אייבערשטער האט געהייסן, עס איז א ריח ניחוח לה'.

**קטורת** איז זייער א חשובע מצוה, עס איז זייער חשוב ביים אייבערשטען, אבער יעדער כהן וואס האט מקריב געווען קטורת, האט אונטער זיין מחשבה געוואוסט איך גיי ווערן אן עושר, ברך ה' חילו. און עס איז געווען זיכער, מעולם לא שנה אדם בה, עס איז געווען א זיכערע זאך אז ער גייט זוכה זיין צו עשירות. איז דאך אומווילענדיג, האט יעדער כהן וואס האט געברענגט די קטורת, אויך געהאט א זייטיגע מחשבה, אז ער גייט זוכה זיין צו עשירות. די ראיה דערצו איז, חדשים לקטורת, מען האט דאך אלץ נאר גענומען א נייעם כהן וואס האט זיך אריינגעשטופט, ער וויל אויך זוכה זיין צו די ברכה פון קטורת. איז געווען א פגם אין די קטורת וואס דער כהן האט געברענגט, ווייל ער האט עס נישט געטון אינגאנצען לשם שמים, עס איז געווען דערביי א מחשבה פון עשירות.

**וואס** איז די עצה דערויף, האט ער געברענגט נאכדעם א עולה, וואס א עולה איז דאך מכפר על הרהור הלב, האט די עולה מכפר געווען אויף זיין מחשבה וואס ער האט געהאט. איז אויסגעקומען אז די קטורת וואס ער האט געטון, איז געווען בלתי לה' לבדו, ווייל ער האט דאך מכפר געווען אויף זיין מחשבה וואס ער האט געהאט מיט דעם עולה, האט ער געקענט נאכדעם זוכה זיין צו די עשירות פון קטורת.

**ישימו** קטורה באפך, קטורת ברענגט עשירות, אבער עס מוז דאך זיין בלתי לה' לבדו, און דאס פעלט דאך אסאך מאל, ווייל ער ווייסט אז ער גייט ווערן אן עושר פון די קטורת וואס ער ברענגט, איז נאך 'ישימו קטורה באפך', האט ער געברענגט 'כליל על מזבחך', ער האט געברענגט א עולה, און די עולה איז מכפר על הרהור הלב, נאכדעם איז געווען 'ברך ה' חילו', האט ער געקענט זוכה זיין די עשירות. קטורת איז טאקע זייער גרויס, די מלא חפנים קטורת איז זייער גרויס, אבער עס האט אין זיך א געוויסע נקודה, עס פעלט די בלתי לה' לבדו, ווייל ער גייט זוכה זיין צו עשירות.

**דער** עני וואס ער ברענגט זיין מנחה, וואס ער באקומט נישט קיין ברכה דערויף, אז ער וועט זוכה זיין צו עשירות, און ער גיט אוועק זיין ברויט פונעם מויל מקריב צו זיין, זיין מנחה, דאס איז חשוב'ער ביים אייבערשטען פון דעם מלא חפנים קטורת. קטורת איז זייער חשוב, אבער דער כהן וואס איז מקריב דעם קטורת האט א שטיקל אינטערעסע

אויך, ער גייט דאך זוכה זיין צו ברך ה' חילו. טוב מלא כף נחת, דער עני וואס האט אראפגענומען אביסל פון זיין ברויט, און ער האט עס געברענגט פארן אייבערשטען, אן קיין שום כוונות, אן קיין שום חשבונות, אפילו עס איז נאר א מלא כף, א קלייניגקייט וואס ער ברענגט, טוב, איז עס ביים אייבערשטען חשוב'ער פון מלא חפנים פון קטורת, ווייל קטורת פעלט דערפון די מחשבה. צום קטורת דארף ער נאך ברענגען שפעטער אן עולה, כדי עס זאל מכפר זיין אויף זיין מחשבה, ישימו קטורה באפך וכליל על מזבחך. דער עני האט נישט קיין שום זייטיגע מחשבות, און ער ברענגט זיין מנחה פארן אייבערשטען מיט מסירת נפש, איז עס חשוב פארן אייבערשטען.

**זאגט** דער מדרש, פארוואס איז חשוב'ער דער מלא כף, שזה טעון כפרה, וזה אינו טעון כפרה. דער וואס ברענגט קטורת איז טעון כפרה, ער האט טאקע מקריב געווען קטורת, אבער ער דארף נאכדעם א כפרה אויף די מחשבה וואס ער האט געהאט. אבער זה, דער עני, וואס האט געברענגט זיין מנחה, אינו טעון כפרה, ער דארף נישט קיין כפרה, זיין מחשבה איז ריין, ער ברענגט עס נאר בלתי לה' לבדו, דעם ביסל וואס ער האט, ברענגט ער פארן באשעפער, דארף עס נישט קיין כפרה. טוב מלא כף נחת, עס איז חשוב'ער פאר אייבערשטען די קומץ וואס מען איז מקריב פון די מנחה, מער ווי די קטורת וואס מען ברענגט דערפון מלא חפניים.

* * *

**דער** הייליגער **חתם סופר** (בפרשתנו ה.) ברענגט צו פונעם **פנים יפות** (על הפסוק ונפש כי תקריב), אויף די גמרא (מנחות קד:) מי דרכו להביא מנחה, עני, דער סדר פון א עני איז צו ברענגען א מנחה. א בהמה קען ער נישט ברענגען, עס איז צו טייער. און עס איז משמע אז א עוף קען ער אויך נישט ברענגען, עס איז אויך צו טייער. אבער א מנחה, מעהל, קען ער ברענגען, ברענגט דער עני א מנחה. און דער הפלאה שטעלט זיך דערויף, און ער זאגט, א עוף איז ביליגער צו ברענגען ווי א מנחה. א עוף האט ער נישט געדארפט ברענגען נאר אן עוף, תורים אדער בני יונה. ער האט געקענט ברענגען א קליינע טויבעלע, א בני יונה, און ער האט יוצא געווען זיין חיוב. ווען ער האט געברענגט א מנחה, האט ער געדארפט ברענגען א פאר פונט מעהל, עשירית האיפה, און ער האט געדארפט צוברענגען דערצו שמן, ער האט געדארפט צו ברענגען דערצו לבונה. סולת, שמן, און לבונה, איז טייערער ווי צו ברענגען אן עוף פארן אייבערשטען. פארוואס זאגט מען אז דער עני ברענגט א מנחה. אזוי ברענגט צו דער חתם סופר פונעם הפלאה.

**דער** הייליגער חתם סופר זאגט דערויף, אמת, עס איז ביליגער פאר דעם עני צו ברענגען א עוף, פון דעסטוועגן דאך האט ער א אינטערעסע ער וויל ברענגען דוקא א מנחה, ער וויל נישט ברענגען קיין עוף. ווייל עס איז דא א תועלת אין די מנחה, וואס ער וועט האבן מער ווי דער עוף. אן עוף וואס ער ברענגט, איז כולו כליל, קיינער האט דערפון גארנישט, נאר דער אייבערשטער אליין. מען נעמט דעם עוף, מען איז עס מולק, מען לייגט עס אויפן מזבח, און מען פארברענט עס. אנדערע קרבנות וואס מען ברענגט, ווען ער ברענגט א קרבן א בהמה, א בקר מן הצאן, אפילו עס איז אויך אן עולה, עס איז כולו כליל, אבער עס איז כאטש דא דער עור דערפון, וואס גייט פאר די כהנים, ער איז מהנה דערפון די כהנים. ווען ער ברענגט א מנחה, איז ער מהנה נאך מער די כהנים, ווייל אויפן מזבח גייט נאר ארויף א קומץ דערפון, און די גאנצע מעהל ווערט צוטיילט פאר די כהנים. זאגט דער הייליגער חתם סופר, דער עני וויל האבן א חלק, אז איך האב געגעבן צו עסן פאר די כהנים עובדי ה' וואס דינען דעם אייבערשטען, איך האב זיי מחזק געווען אז זיי זאלן קענען לעבן און זיי זאלן האבן פון וואס צו לעבן. איז כאטש עס קאסט אים טייערער צו ברענגען א מנחה, וויל ער ענדערש ברענגען א מנחה פארן אייבערשטען, ווי צו ברענגען אן עוף, ווייל א עוף האב איך נאר געברענגט פארן אייבערשטען אליין, און די כהנים זענען נישט נהנה דערפון, און ער וויל ברענגען א זאך וואס דער אייבערשטער וועט נהנה זיין דערפון, און ער וועט עס אויך קענען אוועקטיילן פאר די כהנים עובדי ה', אז זיי זאלן קענען האבן וואס צו עסן. - זאגט דער הייליגער חתם סופר, ונפש כי תקריב, דער 'ונפש' גייט ארויף אויף די כהנים, [אזוי איז משמע פונעם חתם סופר], וואס זיי וועלן באקומען פון די מנחה, זיי וויל ער מקרב זיין, ער וויל זיי מהנה זיין, וועגן דעם ברענגט ער א מנחה. עד כאן איז וואס דער הייליגער חתם סופר זאגט.

**איך** וועל צוגעבן דערצו. וואס איז די מעלה אז ער ברענגט א מנחה, ער וויל אויך געבן פאר די כהנים. עס שטייט אין די גמרא (חגיגה כז.), אז עס שטייט אין פסוק (יחזקאל מא-כב) המזבח עץ וגו', וידבר אלי זה השלחן אשר לפני ה'. ער הייבט אן מיטן מזבח, און ער ענדיגט זה השלחן אשר לפני ה'. זאגט די גמרא, בזמן שבית המקדש קיים, ווען א מענטש האט געברענגט א קרבן אויפן מזבח, איז ער נתכפר געווארן, עכשיו שלחנו של אדם מכפר עליו. אונז האב מיר נישט היינט קיין קרבנות, אבער עס איז דא א געוויסער קרבן, וואס שלחנו של אדם איז מכפר אזוי ווי א קרבן. ווי רש"י טייטשט, ווען א מענטש ברענגט אריין א גאסט אין שטוב, ער גיט צו עסן פאר א צווייטן, דאס איז די היינטיגע קרבנות וואס אונז ברענג מיר, און דאס איז מכפר.

**דער** עני קען דאך נישט געבן קיין סאך צדקה, ער איז דאך אן עני, און ווען ער ברענגט א קרבן פארן אייבערשטען, וויל ער כאטש מיט דעם קרבן וואס ער ברענגט, זאל ער אויך קענען מחזיק זיין תלמידי חכמים, כהני ה', עובדי ה'. איז כאטש ער קען ברענגען ביליגער, ער קען ברענגען אן עוף, פון דעסטוועגן דאך ברענגט ער נישט קיין עוף, ער ברענגט א מנחה, כדי די כהנים זאלן אויך קענען נהנה זיין דערפון.

**עס** קען אבער זיין, אז ער האט דערפון נאך מער. עס שטייט אין די גמרא (כתובות קיא:), אמר רבי אלעזר עמי הארצים אינם חיים, זיי וועלן נישט אויפשטיין ביי תחיית המתים, ווייל עס שטייט אין פסוק (ישעיה כו-יט), כי טל אורות טלך. דרשנ'ט די גמרא, כל המשתמש באור תורה, אור תורה מחייהו, ווער עס האט נישט קיין אור תורה, וועט אפלעבן זיינע זיבעציג יאר, אבער ער וועט נישט אויפשטיין צו תחיית המתים. אזוי האט רבי אלעזר געזאגט. פאר רבי יוחנן איז עס נישט געפעלן, צו זאגן אז זיי האבן נישט קיין תחיית המתים, האט ער געזאגט, מצאתי להם תקנה, איך האב געטראפן א תקנה פאר די עמי הארצים. וואס איז די תקנה, זאגט די גמרא, עס שטייט אין פסוק (דברים ד-ד) ואתם הדבקים בה' אלקיכם חיים כולכם היום, א יוד זאל זיך מדבק זיין אינעם אייבערשטען, וכי אפשר לדבוקי בשכינה, איז דען מעגליך זיך מדבק זיין אין די שכינה, עס שטייט דאך אין פסוק (דברים ד-כד) כי ה' אלקיך אש אוכלה, די שכינה איז אש, מען קען זיך נישט מדבק זיין.

אלא, זאגט די גמרא, ער זאל זיך מדבק זיין אין תלמידי חכמים, ווערט עס גערעכנט ווי ער איז זיך מדבק אינעם אייבערשטען.

**און** די גמרא רעכנט אויס דריי זאכן וואס ער האט צו טון, וואס דאס איז טייטש זיך מדבק זיין צו א תלמיד חכם. איינס, ווען עס קומט צו טון א שידוך, זאל ער נעמען א חתן א תלמיד חכם. המשיא בתו לתלמיד חכם, דאס איז די ערשטע ולדבקה בו, וואס דו ביסט זיך מדבק צום אייבערשטען. ווען דו נעמסט אריין א תלמיד חכם אין שטוב, ביסטו דבוק אינעם אייבערשטען. צווייטנס, המהנה תלמידי חכמים מנכסיו, ער איז מהנה א תלמיד חכם, ער גיט אים געלט, ער זאל האבן פון וואו צו לעבן. והעושה פרקמטיא לתלמידי חכמים, א תלמיד חכם האט סחורה צו פארקויפן, און ער נעמט איבער די סחורה פונעם תלמיד חכם, ער וועט עס פארקויפן, און ער נעמט א חלק פאר זיך, און א חלק גיט ער פארן תלמיד חכם, כדי ער זאל האבן פון וואס צו לעבן, זאגט די גמרא, מיט דעם איז מען מקיים ולדבקה בו, און ער איז זוכה לתחיית המתים. ווען איינער איז מהנה תלמידי חכמים מנכסיו, איז ער זוכה צו תחיית המתים.

**דער** עני האט נישט קיין געלט ער זאל קענען מהנה זיין תלמידי חכמים, און בדרך כלל קיין גרויסער תלמיד חכם קען ער דאך אויך נישט זיין, ער איז דאך אן עני, דארף ער דאך ארבעטן פון צופרי ביז ביינאכט, כדי ער זאל קענען ברענגען פרנסה ביי זיך אין שטוב אריין, עס פעלט פאר דעם עני אין תחיית המתים. ווען ער דארף שוין ברענגען א קרבן פארן אייבערשטען, ברענגט ער נישט קיין עוף וואס איז כולו לה', נאר ער גייט ברענגען א מנחה, וואס פון דעם מנחה וועט זיין א חלק פארן אייבערשטען, און די איבריגע גיי איך אוועקגעבן פאר עובדי ה', זיי זאלן קענען דינען דעם אייבערשטען, מיט דעם וועל איך זוכה זיין, איך וועל זיין א מהנה תלמידי חכמים מנכסיו, דאס איז מיין דביקות אינעם אייבערשטען. א קרבן איז זייער הייליג פארן אייבערשטען, מען האט עס מקריב געווען אויפן מזבח, אבער עס פעלט אינעם ולדבקה בו, ער איז זיך נישט מדבק מיט דעם אינעם אייבערשטען. אבער מיט דעם חלק המנחה וואס מען האט אוועקגעגעבן פאר די כהנים, מיט דעם איז ער מקיים דעם דיבוק תלמידי חכמים, וואס דאס וועט אים ברענגען שפעטער זיין לעבן, אז ער

זאל אויך קענען זיין ביי תחיית המתים. ווערגן דעם האט ער אויסגעקליבן ענדערש צו ברענגען א קרבן מנחה, ווי איידער צו ברענגען אן עוף. עס איז טאקע טייערער, אבער דער ריוח וואס ער האט פון א קרבן מנחה, קען ער נישט ארויסבאקומען ווען ער ברענגט א קרבן פון א עוף.

**וואס** עס איז נוגע לעניינינו, מען האלט דאך פאר פסח, ישראל קדושים זענען מהנה תלמידי חכמים, ארימעלייט, וכדומה. פאר פסח איז דא אן עקסטערע ענין וואס עס שטייט אין **שלחן ערוך** (או"ח סימן תכט) אז מען איז מחויב זיך מער אומצוקוקן אויף אנדערע אין שטוב. ווען עס קומט ביים סדר, זאגט מען כל דכפין ייתי וייכול, כל דצריך ייתי ויפסח, אויב ער האט נישט געהאט קיין השתתפות אין צוגעבן פאר אנדערע, אז זיי זאלן האבן צו מאכן דעם פסח, איז ער א דובר שקרים. ער האלט נישט ביים געבן פאר דעם דכפין, און פאר דעם דצריך. מען ברענגט נישט היינט אריין אורחים אין שטוב, יעדער האט זיך ב"ה זיין דירה, מען דארף אבער ארויסהעלפן יענעם, אז יענער זאל קענען מאכן פסח, ובפרט די כהני ה', תלמידי חכמים און בני תורה וואס זיצן און לערנען, וואס זייער פרנסה איז מצומצם וכדומה. דער עני האט אוועקגעגעבן פון זיין ברויט, ער האט געקענט ברענגען א ביליגערן קרבן, אן עוף, און ער ברענגט א מנחה, כדי ער זאל קענען געבן פאר ארימעלייט, פאר די כהני ה', אז זיי זאלן קענען דינען דעם אייבערשטען.

**עס** איז אן עקסטערע זכות אין די טעג, אינזין צו האבן די בני תורה, און אנדערע וואס דארפן האבן מען זאל קענען אריינברענגען דעם פסח. עס איז א געוואלדיגע חשיבות, אז מען איז מהנה תלמידי חכמים מנכסיו, ווי מען האט פריער גערעדט, אז מען איז זוכה, איז דאס דביקות ה', און מען איז זוכה צו תחיית המתים.

*

**איך** האב געוואלט זאגן א פאר ווערטער, עס איז דא די וואך א חבורה פאר די בחורים (כינוס איגוד חבורות בחורי וויען, במלון ארמון, סטעמפארד קאנעטיקעט). דאס ערשטע מאל וואס מען נעמט צוזאם אלע בחורים, איך האב געוואלט זאגן די חשיבות דערפון. בחורים, ווער עס קען, זאלן אנטייל נעמען דערין, כינוס לצדיקים הנאה להם והנאה לעולם (סנהדרין עא:), יעדע כינוס פון ערליכע יודען וואס מען קומט זיך צוזאם, עס זאל ארויסקומען דערפון א כבוד שמים, איז הנאה להם, עס איז א טובה פאר זיי אליין, און עס איז א הנאה לעולם. אין היינטיגע צייטן וואס מען לעבט אין א וועלט וואס אויב מען האט נישט קיין חברותא, מען איז נישט מחובר מיט א חברותא צוזאמען, פאלט מען ליידער אוועק. מען זעהט די אלע וואס האבן נישט קיין קרייז וואו זיי דרייען זיך, די אלע ווערן שפעטער מיט די צייט אפגעקילט פון עבודת ה'.

**מען** ברענגט צו, יעקב אבינו האט געזאגט פאר די קינדער, האספו ואגידה לכם את אשר יקרא אתכם באחרית הימים (בראשית מט-א). האספו, מען זאל זיך צוזאמנעמען, ואגידה, מען זאל מאכן אן אגודה, זיי זאלן זיך מתאגד זיין, דאס וועט ענק העלפן, את אשר יקרא אתכם, ווען עס וועט קומען א קרירות באחרית הימים, מען וועט האלטן אין די שפעטעריגע דורות, און די גאס וועט זיין קאלט, נישט נאר קאלט, נאר עס וועט פרירען, עס וועט אפקילען אלעס פון יודישקייט. אז מען רירט זיך ארויס פון בית המדרש פילט מען אין זיך א קרירות פון יודישקייט. האספו ואגידה, ווען מען קומט זיך צוזאם און מען לעבט צוזאמען, א חבורה וואס וועט זיין צוגעבינדען מיט תורה און אנדערע ענינים פון יראת שמים, איז עס א געוואלדיגער זכות. דער אייבערשטער זאל געבן, עס זאל ארויסקומען דערפון א כבוד שמים.

**ווי** מען האט פריער גערעדט, אז אדם נפעל לפי פעולותיו, מען שטייט פאר דעם יום טוב פון פסח, עס איז אלץ פארבונדן מיט זכרון יציאת מצרים, וואס דאס איז די שורש פון אמונה פון כלל ישראל. מען זאל קענען אריינעמען אין זיך אמונת אלקי עולם, מען זאל זוכה זיין חוגג צו זיין דעם הייליגן יום טוב ווי עס דארף צו זיין. עס איז א חודש פון גאולה, עס איז מוסמך גאולה לגאולה, זאל מען זוכה זיין אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.